בעזהי"ת

קונטרס

# קול השחיטה

מעשיות נוראות פון הייניגען מצב
השחיטה ביי די היימישע שוחטים אין ניו
יארק און כמעט אלע חרדישע שלאכט
הייזער אין אמעריקע און קנדה
תשכ"ז — תשל"ז

מאתי הצעיר באלפי ישראל

**שלום יהודה גראס**
רב דקהל מגן שאול ור"מ בכולל בית ישעי'
"מכון להוראות בשחיטות ובדיקות"

פה ברוקלין יע"א
שנת תשמ"ב לפ"ק

נדפס מחדש ע"י חברי הכולל פה ברוקלין נוא יארק יע"א
שנת תשמ"ז לפ"ק

— ההכנסה מוקדשת לטובת הישיבה והכולל —

בס"ד

## אדם אוסר דבר שהוא שלו

איך מחבר פון דעם ספר "קול השחיטה" בעט בכל לשון של בקשה פאר דעם וואס באקומט דעם ספר, ער זאל עס נישט ווייטער געבען. נישט קיין חילוק פאר ועמען, אויסער מיט א דירעקטע רשות פון מיר פערזענליך, צוליב פארשטענדליכע טעמים.

כתובת המחבר:
Rabbi Sholom Y. Gross
4711 — 12th Avenue, Apt. A-5
Brooklyn, N.Y. 11219
(718) 436-8086

# הקדמה

דאָ ברענג איך אראפּ אַ חלק פון מיינע זכרונות איבער דעם היינטיגען שפלדיגען מצב השחיטה פון נוא יארק, און אין אנדערע שטעט וואָס איך האָב אליין ביי געוואוינט מיט מיינע אייגענע אויגען, זייענדיג שוחט ובודק איבער 10 יאָר אין אַלע צענדליגע היימישע שחיטות פון עופות און בהמות מיט די בעסטע הכשרים כו׳.

דעם קונטרס האָב איך אָפּ געשריבען מיט ביטערע טרערן פאַרענדיג אויף די מקומות הק׳ ראָמעניען און אונגאַרען.

דעם קונטרס האָב איך געשריבען בעיקר פאַר מיר אליין כדי צו געדענקען אלע מיינע פּאַסירונגען, אָבער אזוי ווי איך האָב דאָס געוויזען פאַר היימישע רבנים (און נאָך ת״ח מפורסמים) האָבען זיי מיר מעורר געווען אז איך בין מחוייב דאָס צו דרוקען לדראון עולם, כדי אנדערע זאָלען אויך וויסען ווי און וואָס פאַר אַ מצב מיר געפינען זיך, ווי אזוי מען איז מכשיל טאָג טעגליך צענדליגער טויזענטער עהרליכע אידן מסלתה ומשמנה פון כלל ישראל רבנים ואדמורי״ם תלמידי חכמים וחשובים כו׳ מיט נבילות וטריפות רח״ל, און זיך אַ ביסעל מתבונן זיין צו וואָס דאָס האָט שוין ליידער ביז יעצט צוגעברענגט. על כן דרוק איך דאָס פאַר די אלע וואָס זוכען דעם אמת.

השי״ת זאָל מיר געבען געזונט און כח ממשיך צו זיין דעם חיבור און דאָס איבערדרוקען נאָכאַמאָל מער בשלימות אמן.

מיר האָבען משמיט געווען די נעמען פון די שוחטים כו׳ (בערך 30 שו״ב ווערען דערמאָנט אין קונטרס בהעלם שמם און פיהל פון זיי מערערע מאָל, און פון אלע היימישע שחיטות), ווייל די כוונה איז נישט מבאיש ריח צו זיין אדער רודפין און מבזה זיין קיינעם ח״ו, נאָר אויפצודעקען די שרעקליכע שערוריה און הפקרות וואָס הערשט ביי אלע שחיטות, (דאָס זעלבע ווי די הפקרות וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן [דאָרך רבנים מובהקים] ביי די ניקור חלב ודם), וואָס דאָס איז דער גורם פון די אומצאליגע אומגליקען פון כלל ישראל, און דער שרעקליכען טמטום הלב והמוח און

קאלטקייט אין יודישקייט, וואָס עס פאַלען אַוועק פון כלל ישראל וואָס אַמאָל מער ערליכע אומשולדיגע יודישע נפשות ה״י.

## עטליכע פונקטען צו וויסען!

**א. איך האב מיך במשך פון מיינע צען יאר ארבעט (תשכ״ז - תשל״ז) געדרייט ביי אלע היימישע שחיטות און ליידער געזען וואס איר וועט דא זעהן.**

**ב. במשך די צייט האב איך זייער אַ סאך מאל איבערגערציילט מיינע איבערלעבענישען פון ״עולם השחיטה״ און דערפאר ליגט עס מיר אין זכרון פונקט ווי עס וואלט היינט פאסירט.**

**ג. טראצדעם וואָס פון תשל״ז האב איך אפגעלאזט די שחיטה פונדעסטוועגען האב איך די פיקוח אויף די שחיטה אנגעהאלטען, און דערפאר אנגעהאלטען אַ שטענדיגען קאנטאקט מיט שוחטים, בודקים, משגיחים, בוטשערס פון אמעריקע, קאנאדע, אייראפע, ארץ ישראל. דאס האט מיר געגעבן די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען אז דער בעל דבר וואס פארלייגט זיך פון אייביג אויף די שחיטה האט פון אונזער דור אויך נישט פארגעסען, ועוד ידו נטוי׳ ד׳ ירחם.**

**איך האב זיך אויך איבערצייגט אז טראץ די געציילטע תיקונים וועלכע זענען געמאכט געווארען איז דער מצב זעהר אנגעשטרענגט ווי מיר שרייבען דאס אויספירליך אין סוף קונטרס.**

**ד.** דער קונטרס איז געמאכט בלויז פאר ערליכע אידען וואס ווילען וויסען דעם אמת למען כבוד שמים און זענען גרייט צו פארציכטען אויפן שטיקעל פלייש ווען זיי וועלען זיין איבערצייגט אין אמת, נישט ווי די וואס זאגען ״וואס גייט מיך אָן דער פלייש איז טריפה, איך עס אויפן באָרד פון רב בעל המכשיר״ זיי זענען אין כלל פון ״כל באיה לא ישובון״ מיט אזעלכע לאזונגען.

**ה.** זעה צום אויספיר אין סוף קונטרס וואס איז פון גרויס וויכטיגקייט פאר יעדן צו וויסען.

# מפתח לספר קול השחיטה

**סימן**

**א.** שחיטה אין באסטאן—400 טוירקיס אַ שעה פאהרט אויף אַ טשעין.

**ב.** גוים הרגענען טיורקיס און לייגען די בלאמבעס אלץ כשר — בעה״ב ציוני רוצח — שוחטים זענען משיג גבול אנדערע שוחטים.

**ג.** אַ ערליכער מפורסם׳דיגער שוחט דרייט זיך אין שלעכטע ערטער רח״ל.

**ד.** קונטוקי שחיטה — מען פליקט די עופות מיט הייס וואסער.

**ה.** מען שחט טוירקיס מיט פגומ׳דיגע חלפים — אַ גלחט׳ע שחט פאר כשר.

**ו.** אַ קאטשקעס שחיטה מיט אסאך פראבלעמען — בעה״ב מישט אריין טריפות להכעיס — די חלפים מיט פגימות — מען מאכט כשר אלע טריפות.

**ז.** הארטפורט שחיטה פיהל מיט טריפות רח״ל — די שוחטים מאכען נישט קיין תפיסה — קוקען נישט די סימנים —

**ח.** הארטפורט — אַ למדן משגיח ביים זאלצען זעהט גארנישט — גויטעס זאלצען, און נאר איין זייט. זיי זענען מתיר אויפן סמך פון בדיעבד און שעת הדחק כו׳.

**ט.** אין... שחט אַ שוחט 400 טוירקיס אַ שעה ר״ל — נישטא צייט צו קוקען דעם חלף.

**י.** אלטע עופות מיט פראבלעמען — מען שחט אריין אין מפרקת — חלפים מיט פגימות — שחטן נישט רוב סימנים.

**יא.** מען שחט אין ... 400 קעלבער אַ שעה (וואס איז — אומעגליך אלץ כשר) — דער חלף ווערט שנעל פגום.

**יב.** בהמות שחיטה אין די שטאט ... — שחט מען 60 אַ שעה — מען שחט אהן הרגשה — מען שחט מיט אַ פגום׳דיגע חלף ר״ל. — ביי בדיקת חוץ רייסט מען סירכות — די שוחטים זענען מקיל און מתיר אלעס —

**יג.** אַ רב המכשיר אסרט צו שחטן — און אַ ערליכער שוחט שחט דארט מיט תירוצים אז דאס איז פאר מאדערנע ר״ל.

**יד.** לעמער שחיטה און פעטרעזאן — 60 אַ שעה — מאראסטיגע העלזער מאכט פגום די חלפים — שחטין מיט די פגומדיגע חלפים ר״ל — נאר איין שוחט שחט און עס איז נישטא אַ צווייטער צו קוקען דעם חלף.

**טו.** רב המכשיר קוקט נישט קיין חלף ביי די שחיטה קיינמאל — נאר אין אפיס פון פחד, ער טרעפט שוחטים מיט נישט גוטע חלפים.

**טז.** אַ ערליכער שוחט וויל נישט שחטן לעם וועגען די גרויסע פראבלעמען — 2 אנדערע זענען יא געפארען און געשחט'ן.

**יז.** אַ היימישע גרויסע שחיטה אין ניו דזערסי — דער רב קומט איינמאל אַ יאר צו די שחיטה — שוחט מאכט הגרמות — משגיח קוקט נישט מקום השחיטה — מען האט מורא פון אַ צו פרומען טאמער ער וועט אויסזאגען סודות פון חדר.

**חי** אַ שוחט זעהט אַ פגימה און ער ווייזט דאָס פארין צווייטן שוחט אַ מקובל, יענער לייקענט און שחט ווייטער דערמיט ר״ל.

**יט** עס ווערען פארטויש די לונגען ביי בדיקת חוץ — מען ווייסט נישט וואס מען איז בודק — שוחטים האבען נישט קיין נעגעל צו נעמען סירכות.

**כ.** שוחט איז מעורר אויף קלקולים און יענער לאכט זיך אויס — זיין שחיטה איז נבילות.

**כא.** טויזענטער עופות אהן אַ שאלה טאג ביי טאג — אַ רב לאָזט שחט'ן פריוואט אביסעל און האט פיהל שאלות. מער ווי דער גאנצער פלענט צוזאם.

**כב.** מען ווארפט די עופות, (שאלת ריסוק אברים) — 2 חשובע רבנים זאגען צו מתקן צו זיין און טוהן גארנישט.

**כג.** מען שחט אויף אַ מעשין (אין הארטפורט) — גאנצע שטאט רודערט, מען איז מעורר גדולי הרבנים אויף גרויסע פראבלעמען — רבנים זאגען צו און טוהען למעשה גארנישט — אלעס לויפט ווייטער ווי פריער — שוחט ציטערט מגלה זיין קלקולים וועגען זיין פרנסה.

**כד.** בעל השור על שורו — בעה״ב קצב פושע ישראל שלאגט שוחט פארן שחטן אַ פאַר נבילות — צוליב פחד כשרין די שוחטים אפילו נבילות.

**כה.** אין ... שחיטה למדן חסיד מאכיל טריפות — שוחט מאכט פיהל הגרמות און לאזט אלס כשר.

**כו.** בעל הבית צווינגט צו לאזען גלאט 50 פראצענט מיט אַ טענה אז ביי אַ צווייטע גרויסע חרדישע שחיטה איז אזוי.

**כז.** אַ שוחט שחט אהן אַ מקוה 3 חדשים — שחט 3 חדשים מיט האנט אינפעקשען.

**כח.** מארקעט ניו דזערסי — בעל המכשיר זעהט אויס ווי אַ גוי — קומט קיינמאל קוקען די שחיטה — האט הכשר אויף פיהל שחיטות — ווייזט נישט בכלל וואס טוט זיך און פלענט.

**כט.** שוחט שחט אויף די פעדערן — שוחט איז מודה אז ער שחט נאכדעם ווי ער האט געזעהן אַ גרויסע פגימה.

**ל.** מחלוקת השוחטים בענין הרגשה — דער רב המכשיר פארלאזט זיך אויף די שוחטים — זיי

שחטן אהן (אדער ספק) הרגשה — שוחטים בארימען זיך אז זיי שחטן 1200 אַ שעה.

**ל*.** שוחטים שחט'ן מידערהייט נאך אַ גאנצען טאג שחיטה — שחטן 1200 עופות אַ שעה — דער חלף רירט אהן אלע עופות אין מפרקת (וואס איז פוגם דעם חלף) און זיי זאגען אז עס איז גארנישט.

**לא.** שוחטים שטעלען בכוונה שיינע חלפים ווייל רב המכשיר קומט קוקען — רבנים קומען באשטעלט אויף אן אפוינטמענט — היימישע רבנים מכשירים שרייבען פסק הלכה מתיר זיין צו שחט'ן 12 הונדערט אַ שעה דורך איין שוחט — אוי יו ווערט געצווינגען מאכיל טריפה זיין לכבוד דעם כתב — די שטאט עסט מיט'ן הכשר נבילות וטריפות.

**לב.** איין שוחט רודפט דעם צווייטען פארן זיין צו ערליך — לאכט פארן איבערלאזען הגרמות — לאזט נישט מאכן גוט די בדיקת חוץ — לערנט עם אויס זיין אַ קל.

**לג.** שוחטים וואס לאזען איבער פיהל מאל סירכות אלס גלאט —אַ שוחט לייקענט אפ ווען מען איז איהם מעורר — איין שוחט איז יא מודה.

**לד.** בלאמבעס וואלגערען זיך הפקר אין די צענדליגע טויזענטער — יעדער גוי כו' קען נעמען און לייגען אויף נבילות וטריפות.

**לה.** היימישע רב וויל נישט קויפען פאר זיין סטאר פון שוחטים אהן בערד — קלים וריקים לאזען וואקסען אַ בארד צו מעגען שחט'ן פאר יענעם רבס סטאר.

**לו.** שוחטים רייסען סירכות און פארטיג —

**לז.** שוחטים שחטן ווינטער אין די גרעסטע פרעסט (אהן הייצונג) — אַ סאך שוחטים שחטן אהן הרגשה פיהל יאר'ן, קצב צווינגט שחט'ן מיט פיבער און לינגען אנציינדונג אין שרעקליכע קעלט.

**לח.** אַ לאנגע צייט שחט'ן אלע שוחטים אהן אַ מקוה אין... — עס איז געווען אַ מקוה נאר מען איז פויל געווען צו גיין.

**לט.** באוואוסטע שחיטה — 2 היימישע שוחטים שחט'ן 3000 אַ שעה ר"ל (נו"ט).

**מ.** שוחט שחט גאנצע נאכט (10 שעה), תיכף נאכדעם געפאהרען שחט'ן ווייטער ערגעץ אנדערש — אַ שוחט אַ גנב.

**מא.** אַ שוחט שחט בלי הפסק אין אַ פאר שלאכט הייזער מידערהייט — אַ שוחט פארברענגט כסדר מיט פאליטיק און דברים בטלים.

**מב.** קצב פון שלאכט הויז פארקויפט טריפות פאר כשר — מישט אריין כסדר טריפות צווישן כשרע — שוחט ווערט ארויסגעווארפען פאר'ן שטערן מאכיל טריפות זיין דעם קצב —

**מג.** גוים פון שלאכט הויז הענגען אויף אויפען טשעין לעבעדיגע עופות צווישען געשחטענע — דער משגיח קען גארנישט טוהן — אַ שוחט איז מעיד אז ערליכע אידען גרויסע מדקדקים עסן כסדר נבילות רח״ל.

**מד.** עדות פון מרן זי״ע אויף קבלה פאר אַ שוחט.

**מה.** אַ מארקעט וואס זאלצט נישט, און מען טונקט נאר איין די עופות אין זאלץ און דאס הייסט כשר געמאכט ר״ל.

**מו.** אַ היימישער שחט וואס שחט אלע יארן בקביעות נאר מיט פגימות רח״ל — שחט אין מפרקת — שחט אינמיטן כשר מאכען מיט אַ זאלציגען מעסער — רבנים ווילען ניטש נעמען עופות פון אַ שוחט ווייל דער חלף טויג נישט.

**מז.** שוחטים שחטין מיט אַ דרסה — אַ פערזענליכקייט איז מעורר דעם שוחט און ער טוהט ווייטער זיינס —

**מח.** אַ באוואוסטער שוחט זאגט אז ער ווייזט קיינמאל נישט דעם חלף פאר אַ רב — ער רעט ניבול פה אויפין חשבון פון רבנים.

**מט.** שחיטה אין ... — עדות פון אַ שוחט אז איין אלטער שוחט שחט דארט 100 בהמות אין איין שעה (דאס מיינט נבילות) — ער שחט מיט ציטערדיגע הענט — נאך אַ שוחט דארט איז זיך מודה אויף 100 בהמות אַ שעה רח״ל.

**נ.** אַ שוחט שחט מיט אַ זעג חלף פיהל מיט פגימות 1200 אַ שעה — קען נישט שטעלען קיין חלף — 2 משגיחים און עס העלפט נישט — דער בעה״ב איז ברויגז אויפן משגיח.

**נא.** אין אן אנדערען שלאכט הויז אפאר שוחטים כמעט יעדער שוחט שחט 1200 אַ שעה 1 שוחט ביז 1800 אַ שעה רח״ל. — דער בעה״ב פאסט אויף די ארבעט פון די שוחטים מיט אַ מאווי טעלעווישען (בעל השור על שורו) — שוחט לאזט דורך נבילה —

**נב.** נסיונות ביי שחיטה גויים שטייען אויפ׳ן קאפ און מען מוז שחט׳ן אפילו דער חלף איז ניט גרייט — שוחט מיט ווייניג חלפים.

**נג.** אַ שחיטה נאך יוכ״פ אויסגעמישטערהייט — מענעדזער צווינגט אפילו אלטע שוחטים שחט׳ן זייער שנעל, און אויך מידערהייט — רב המכשיר וייס גארנישט וואס טוט זיך.

**נד.** פיהל שוחטים שחט׳ן גאנץ ווינטער אין די גרעסטע פרעסט — קלות פון שוחטים — קארג צו קויפען ווינטער אייוועלע — מענעדזער צווינגט שחט׳ן אין גרויסע קעלט אהן הרגשה אויף פאר זקנים — דער רב בעל המכשיר אן ערליכר אבער נישט באקאנט צופיהל וואס עס טוהט זיך דארט —

**נה.** היימישע שוחטים אהן אַ מקוה לאנגע צייט — אַ באוואוסטער שוחט איז בכלל נישט אינטרעסירט אין אַ מקוה.

**נו.** אַ היימישער שוחט אַ רשע לאזט נישט מתקן זיין גראבע קלקולים — מען שחט און מען זאלצט מיט מעשינען — שוחט פארשפארט משגיחים מויל נישט צו מגלה זיין סודות.

**נז.** אַ שוחט אַ מאכיל טריפות — מאכט אייגענע מבולבלדיגע שחיטה — פיהרט איין מאסען שחיטה ביים היימישען ציבור פאר 30-35 יאר צוריק — ער האָט אויך פיהל אנדערע חורבנות אנגעמאכט.

## חברה מזכי הרבים העולמי

בנשיאות הרה"ג מוה"ר
רבי שלום יהודה גראס שליט"א
רב דקהל "מגן שאול" ד'"האלמין"
ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי'"
**"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"**
c/o RABBI S.Y. GROSS, 4711 12th Ave., Suite A-5
Brooklyn N.Y. 12119

**מכון להוצאת ספרי יהודה וישראל**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
נשיא
"וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות"

בעל "קובץ ספרים בעניני כשרות" ו' חלקים (מ"ב חיבורים),
שו"ת "מנחת ש"י" על או"ח ויו"ד (ג' חלקים ועוד),
"נפש ישעי'" על מאכלות אסורות (י"א חלקים),
"קובץ כל ספרי ניקור המובהקים" י' חלקים (קי"ח חיבורים),
"ספרי שמירת המצות והכשרות" ר' חלקים (כ"ח חיבורים),
"מדריך לכשרות ולחיזוק הדת" (מ"ב חלקים),

## חדשות שלא היה לעולמים

ראה זה חדש אשר לא הי' לעולמים סעט שלם בפארמאט ממוצע ומהודר הכולל כל עניני כשרות השייכים בזמן הזה בכל העולם כולו

## "קובץ ספרים בעניני כשרות"
## ששה חלקים
## הסעט כולל הרבה חיבורים אשר תוכנן רב גווני שלא נראה עדיין כבושם הזה
# 9000

**הן הענינים הנידונין בסעט הנ"ל ומהם:**
**אטליז (בוטשער) — דגים — הכשרים — חלב עכו"ם — שחיטה — בדיקה — ניקור — מליחה — משגיחים — קצבים — רבנים — תולעים — ועוד ועוד**

נחוץ כאויר לנשימה לכל בר ישראל לידע המכשולות השכיחים והיאך להינצל מהם כי זהו הבטחון היחידי שתשאר ביתו בית נאמן בישראל וימשיכו דורותיו האמונה בד' ובתורתו הקדושה עד ביאת הגואל (כמבואר בפר"ת סי' פ"א ושו"ת ד"ת ח"א יור"ד סי' ז')

**הסעט כולל 2500 עמודים ומחירו $36.00**

**להשיג אצל המחבר:**
RABBI SHLOM Y. GROSS
4711 / 12th Ave
BROOKLYN N Y 11219

## חדשות בעולם התורני
## הופיע ויצא לאור ספרי
## "שמירת המצוות כהלכתן"

ארבעה כרכים מהודרים
מכיל קרוב ל-2000 עמודים
מאת הגאון הנודע בשערים מוהר"ר
**רבי שלום יודא גראס שליט"א**

הסעט הוא יחיד במינו בכל העולם כולו נסדר במומחיות גדולה חלק ההלכה משולב למעשה לפי סדרי החיים שבזמננו בכל מכמני התורה הנהוגים יום יום ומהם: ה' ציצית, ס"ת, תפילין, ומזוזות, שבת, וצניעות - דיני ביהכ"נ דיני תפלה - קרה"ת - גיטין - צורת יהודי - יחוד - צדקה - ועוד.
כבר נדפסו הרבה פעמים פעם אחר פעם וממש נחטפו מן השוק לגודל יקר חביבותם.
בעת אפשר להשיגם במספר מצומצם של עותקים וכל הקודם זוכה

**מחיר הספרים $28.00**

נ.ב. אויב עס ווייטיגט אייך אַ פירצה אדער נאבלעסיגקייט אין אַ געווויסע מצוה און איר ווילט אויפקלערן די דינים פאר די מאסען לעילוי נשמת אייערע נאנטע ולזכות הרבים. ביטע רופט: 718-436-8086

קונטרס

# קול השחיטה

— א —

## אַ שחיטה אין באסטאן — 400 טוירקיס אַ שעה פאהרט אויף אַ טשעין

בערך בשנת תשכ"ט. בין איך געפארען שחט'ן אויף בוסטון, פון דארט זענען מיר געפארען מיט אַ קאר ביז לבנון אין ווייטער מיט אַן ערפליין, מיט דעם שוחט ר'... נ"י דארט איז געווען אַ גרויסע שחיטה פון טוירקיס, דארט איז געגאנגען די ליין (טשען) 400 אַ שעה רח"ל, איך האב נישט געוואוסט ווי מען קען אזוי פיהל שחט'ן אבער דער ראש השוחטים ר'... האט מיך בארואיגט און געזאגט די וועסט דיך צוגעוויינען און עס וועט דיר גרינג ווערן.

ענדליך די שחיטה האט זיך אנגעפאנגען, די ליין איז געלאפען ווייטער מיט אַ טייל אומגעשחט'ענע, ווייל איך האב נישט געקענט אזוי שנעל נאָכיאָגען צו שחט'ן, מען האט געמוזט אראפ נעמען די לעבעדיגע פון די ליין, ווייל זיי ווערן געהאנגען מיט 200 מעטער פאר עס קומט צו די שחיטה, עס איז געווארען דאָרט גרויסע יללות, היתכן אלע שוחטים שחט'ן אין אונז קענען מיר נישט. מען האט צוליב אונז געמוזט מאכען די ליין שטאטער.

אבער עס איז געווען אַ גרויסער פראבלעם ווייל די אלע טראקס טוירקיס מוזען ווער'ן אפגעשחט'ן, האבן מיר געמוזט ארבעטען 12 שעה וואס אנדערע קענען שחטן אין 4 שעה בערך. אונז האבן זיך

איינגעטיילט איינער האָט זיך אפגערוט און איינער האָט געשחט׳ן, מיר האבן זיך באקוקט די חלפים איינער פארן אנדערען, און דאס איז געווען דאס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל וואס איך בין אהין געגאנגען שחט׳ן. די אנדערע וואך רופט מען מיך שחט׳ן האב איך זיי געמאלדען אז פאר שום קיין געלט גיי איך נישט.

בקיצור, די וואך איז אַ דורך און איך בין נישט געגאַנגען אַהין, דארנאָך טרעף איך מיך מיט דעם שוחט האברן ר׳... און ער דערציילט מיר אז ער האט געהאט זייער אַ שווערע שחיטה די וואך און ער ווייזט מיר זיינע געשוואלענע הענט פון די תפיסה וואס ער האָט געמאכט אויף די טוירקיס און צושניטען, פרעג איך איהם וויפל איז געגאנגען אַ שעה, האט ער געזאגט 400 טוירקיס אַ שעה. פרעג איך איהם וואס האסטו נישט געזאגט מען זאל מאכען שטייטער די ליין? האט ער געזאגט איך האב געהייסען, אבער זיי האבען געזאגט אז מען קען נישט שטייטער מאכען און אויב דער אלטער שוחט ר׳... קען שחט׳ן די זעלבע דארפסטו א יונגערמאן אויך קענען. די טוירקיס זענען געגאנגען פאר 2 היימישע שלאַכט הייזער.

## — ב —

## גוים הרגענען טוירקיס און לייגען די בלאמבעס אלץ כשר — בעה״ב ציוני רוצח — שוחטים זענען משיג גבול אנדערע שוחטים

אויך מיט׳ן שוחט ר׳... (2 אלטע שוחטים) פלעג איך אַ סאך מאָל שחט׳ן טוירקיס לעבען וויינלאנד, עס איז אויך געווען אַ שנעלע שחיטה אבער איך בין געווען אַ העלפער שוחט יענע זאל זיך קענען אפרוען אַ ביסעל, איך געדענק נישט די שנעלקייט פון די שחיטה עס איז געווען גאנץ שנעל, די חלפים פון די דאָזיגע צוויי שוחטים זענען געווען רח״ל מיט פגימות גדולות, ווייל זיי האבען געמוזט שחט׳ן ביז׳ן מפרקת, און צו מיר האָבן זיי כסדר געשריגען יודעלע שחט טיפער, און מען האט מיר געזאגט האב נישט מורא פאר דעם חלף, אַ

מפרקת איז נישט פוגם, קוק מיין חלף. איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען ווי זיי שעמען זיך נישט ווייזען אַ זעלכע פגימות'דיגע חלפים רח"ל?.

דער איידעם פון רב... נ"י איז געווען דארט משגיח, האט ער מיר דערציילט דאס איין טאג האט איהם דער בעל הבית... געזאגט אז אזוי ווי עס איז אַ גרויסער שניי און די טוירקיס זענען נישט אריינגעקומען, שחט מען היינט נישט. דער שוחט ר'... איז דעמאָלסט געווען אין אַ האטעל וואָס איז געווען אַ פאָר מייל ווייט פון די שחיטה, האָט דער בעל הבית פארשטאנען דאָס ער וועט נישט קומען אין אזא שניי ווייל קיין קאר האָבען זיי נישט. דער דאָזיגער שוחט ר'... איז זייער אַ גראבער, און ער פלעגט גיין אין די גרעסטע פראסטען מיט אַ העמעד בלויז, עס איז איהם קיין מאָל נישט געווען קאלט. אזוי ווי לערנען פלעגט ער קיינמאָל נישט איז ער משוגע געוואָרען פאר ליידיג גיין, האט ער געחאפט אַ שפאציר ביז צום שחיטה "פלענט" האט ער געזעהן ווי מען הארגעט טוירקיס אין מען לייגט בלאמבעס אלעס אן אַ שוחט רח"ל!!!.

דער בעל הבית האָט אים געזאָגט אז טאָמער ער וועט דאָס עמעצען פארציילען וועט ער איהם שיסען, ער פלעגט האָבען אַ רעוואלווער ביי זיך. ער איז אַ פושע ישראל, און געווען אַ חייל אין די ארץ"ישראל'דיגע ארמיי, און ער איז געווען נחשד אויף דעם, ער איז אַ גרויסער אונטער וועלטניק. אבער פאַר מיר האָט דער שוחט די מעשה יאָ דערציילט. דאָס איז שוין געווען אַ סך צייט נאָך דעם וואָס איך האָב שוין נישט געשחט'ן דאָרט, איך האָב דאָרט געאַרבעט בערך 6-8 וואָכען אלס העלפער פאר דעם שוחט ר'...

איינמאל האָב איך מיך נישט געפילט גוט האָב איך געשיקט שחט'ן דעם שוחט ר' ... אַ שטאָטס מיר, דער שוחט דער מפקח ר' ... האָט געזען אז דער שוחט ר' ... שחט פונקט ווי ער אין מפרקת האָט ער עם געזאָגט ער זאָל בלייבן דאָרט אַ שטאָט מיר, דאָרט האָט מען באַקומען 60 דולר אַ וואָך, 2 טעג אַ וואָך פלעגט מען דאָרט אַרבעטען.

בקיצור, דער שוחט ר׳ ... זאָגט מיר נעקסטע וואָך אַז ער בלייבט דאָרט שחט׳ן בפקודת דער מפקח השוחט ר׳ ... האָב איך איהם געפרעגט "היתכן"? "השגת גבול", איך האָב אים געוויזען אין ספרים די הלכה האָט ער דאָס געזאָגט פאַר׳ן מפקח האָט ער איהם געענטפערט ביי מיר איז נישט דאָ אזא זאַך ווי "השגת גבול" איך וועל אריינגעמען און ארויסשטעלען וועם מיר וועט געפעלען, און דו געפעלסט מיר נישט ווייל דיין שחט׳ן איז צו שטאַט, און מיר מוזען האָבן שנעלע ארבעטער ווי מאַשינען, און אזוי בין איך פון די שחיטה פטור געוואָרען, ב״ה.

— ג —

## אַ ערליכער מפורסם׳דיגער שוחט דרייט זיך אין בייזע ערטער רח״ל

ביי דעם זעלבען בעל הבית הקצב ... האָב איך געאַרבעט און געפאָרען קיין אוהיָא מיט השוחט ר׳ ... פון אוהיָא האָבען מיר געדאַרפט נעמען נאָך אַן ערעפליין, איינמאל האָבען מיר פאַרשפעטיגט דעם ערפלעין, האָט דער קצב ... געזאָגט פאַר די בעלי בתים פון די עירפאָרטס אז אזוי ווי עס קומט מיט זיי צופליען 2 ראביים און זיי זענען דיפלומאַטען, די גרעסטע ראבייס פון א״י, זיי קומען צו אַ מיטינג מיט׳ן פרעזידענט, און אויב מיר וועלען נישט זיין ביז 12 ביינאַכט ביי די מיטינג וועט דאָס שטיין אין אַלע צייטונגען, אז דער עראָפליין אינטערנעשענעל האָט אונז אזוי באַעוולה׳ט. בקיצור, עס איז אים געלונגען, ער האָט געוואָלט מען זאָל פאַר אונז צו שטעלן אַן עקסטערען ערפליין. דערווייל האָט ער גענומען אַ לימוזין קאַר, מיר זענען געפאָרען ביז צו אַ גרויסען האָטעל ווי פרעזידענטען שטייען איין, דאַכט זיך מיר אז עס האָט געהייסען אמבאסאדאר האָטעל. מיר זענען אנגעקומען און דער שוחט ר׳ ... האָט זיך גענומען אַן עקסטער צימער, ווייל ער האָט געזאָגט אז ער מוז עקסטער שלאָפען. עס איז שוין געווען 12 ביינאכט.

בערך 12.30 ביינאַכט בין איך געגאַנגען צו דעם דאָזיגן שוחט ר׳ ... אין זיין צימער, איך האָב עם געדארפט עפעס פרעגען ואיננו!!!. בין איך געגאַנגען פרעגען ווי דער ראביי איז, האָבען זיי מיר געזאָגט איך זאָל אים זוכען דאָרט... במקומות המתועבים ר״ל. איך האָב שוין דאמאָלס פאַרשטאנען פאַרוואָס מיר האָבען געדאַרפט האָבען אזא טייערען האָטעל און נאָך צוויי צימערען דערצו, וואָס דער גרעסטער עושר וואָלט זיך דאָס נישט ערלויבט, אָבער ביי דער שוחט ר׳ ... און ביי דעם בעל הבית דער קצב ... איז געווען קלאָר פאַרוואָס מען דאַרף אויסגעבען אזוי פיהל געלט פאַר איין נאכט.

עס איז דאָ דאָרט פארשידענע שחיטה פראָבלעמען נאָר איך געדענק שוין נישט יעצט אין די מינוט.

— ד —

## קענטוקי שחיטה — מען פליקט די עופות מיט הייס וואסער

ביי דעם זעלבען קצב יונג ... וואָס ער איז געווען בעל הבית ביי עטלעכע שלאַכט הייזער, און אַ געמיינער מענטש, האָב איך געשחט׳ן אויף אַ אנדער פלאַץ, דער משגיח דאָרט איז געווען אקראסנער חסיד, איך מיין דער פלאַץ איז געווען אין קענטאקי אוהיא, בקיצור איך שחט טוירקיס, די שחיטה איז ב״ה געווען אַ שטאטע, עס איז געווען אַ מחי׳ ביז מען הייסט מיר סטאָפען, וואָס איז געשעהן? די טוירקיס ליגען אויף דער ערד (פלאָר) מאַסען ווייז פיהל מיט פעדערען, זיי ווילען זיך נישט לאָזען אָפּ פליקען די פעדערען. איך גיי אריין אין וויסירעיטינג רום (דאָרט וואו די עופות ווערען אָפּגעפליקט און כשר געמאַכט) און איך זעה דאס פון דעם פאס וואסער וואס אלע טוירקיס גייען דאָרט אַ דורך פאַרן אָפּ פליקען די פעדערן גייט אַ רויך, איך לייג אריין די האנט אין דעם פאס, דאס וואסער איז גוט ווארעם אביסעל הייס, ע״פ הלכה פארען זאלצען אויב מען טינקט איין אין הייס וואסער קען אוודאי נישט אנגערופען ווערען גלאט כשר בפרט פאר אונזערע צוויי באַקאַנטע היימישע שחיטות ... גיי איך צו צו דעם משגיח ר׳ ... ער

זאָגט אז ער קען דעם נועם אלימלך בע״פ ער פארקויפט אתרוגים אין ... עווניו אויף די ...סטע סטריט) און איך זאג איהם היתכן? איך שחט כשר און דא ווערט דאס טריפה? האט ער מיר געזאגט וואָס קען איך טוהן מיט דעם קצב ... ער וויל נישט אנדערש, איך האָב מורא פאַר איהם, האָב איך איהם געזאגט אז איך וועל נישט שחט'ן בשום אופן פאר הייס וואסער, ער מעג זיך זוכען אן אנדערען שוחט, האט ער מיר געזאגט דאס דער גאנצער טרעיליער טוירקיס וועלען פייגערען, און עס איז אַ סכנה זיך צו טשעפענען מיט דעם בעל הבית, ווייל ער קען נעמען אַ רעוואָלווער און עס איז נישט קיין חכמות!.

בקיצור איך גיי נישט שחט'ן, ותהום כל הפלענט, היתכן דער שוחט וויל נישט שחט'ן? מען האט גערופען דעם קצב ... און ער פיינגט אן צו שרייען אויף מיר, דער גאנצער פלענט שטייט, די טוירקיס וועלען פייגערען, די מענטשען שטייען עס קאסט איהם אוצרות מיט געלט יעדע מינוט און איך שטיי? האב איך איהם געענטפערט אז אויב איך שחט מיט הייס וואסער ווער איך פסול צו שחט'ן און איך וועל קיינמאל מער נישט קענען שחט'ן און איך וועל דאס נישט טוהן בשום אופן נאר מיט קאַלט וואַסער! ער טענה'ט מיט מיר איך זאָל מתיר זיין לוילען וואַסער ביי 80 ביז 90 די גראַד האָב איך מסכים געווען, נאָר איך האָב איהם געזאָגט אז עס וועט זיך נישט פליקען, ווייל עס מוז זיין אָדער שטאַרק קאַלט אָדער שטאַרק הייס, ביז ער האָט איין געזעהן (נאָך זיין פרובירען) אַז איך בין גערעכט, און ער האָט ווייטער געמאַכט שטאַרק קאַלט. האָב איך איהם געזאָגט זעהסט אז מען מאַכט כשר פליקט זיך גוט!. ביי אַלע ענינים האָט דער בעל הבית געטוהן וואָס ער האָט געוואָלט און די שוחטים האָבן כשר געמאַכט טריפות ציטערענדיג פאַר דעם קצב יונג.

* * *

## — ה —

# מען שחט טוירקיס מיט פגומדיגע חלפים אַ גלח׳טע שחט פאר כשר!!!

אין אַן אנדער פלאץ אין קונטוקי האב איך געשחט׳ן טוירקיס אליין, עס איז געגאנגען לאנגזאם, אבער אזוי ווי איך פיינג אָן צו שחט׳ןביים צווייטן דריטן טוירקי שנייד איך אריין אין אַ דראט און דער חלף איז געווארען פגום, איך מאך טריפה, און נעם אַן אנדערען חלף, קימט אַ נאָגעל, דער חלף איז ווייטער פגום געוואָרען. בקיצור, ביז איך האב געשחט׳ן 10-15 טוירקיס האב איך קאליע געמאכט 5-6 חלפים און איך בלייב שטיין מיט די שחיטה, דער בעל הבית פון דארט איז געקומען שרייען, דער שוחט מאכט מער טריפה ווי כשר, איך האב איהם געוויזען די דראנטען און נעגעל וואס איך האב ארויס גענומען פון ווּשט, און דער בעל הבית האט געזאגט ער שחט שוין יארען לאנג און דאס איז דאס ערשטע מאל וואס אַ שוחט האט נישט קיין חלף צו שחט׳ן, קיינער פארציילט איהם נישט קיין מעשיות, איך מעג שחט׳ן מיט דעם זעלבען חלף וואס רירט אן אַ דראנט.

זיי האָבען נישט געהאַט קיין געדולט צו וואַרטען איך זאָל פארעכטען אַ חלף און אזוי ווי איך דריי מיך אויס זעה איך ווי עס שטייט אַ גלח׳טע און שחט מיט אַ לעקטערישען מעסער וואס ארבעט אויטאמאטיש רח״ל. איך גיב אַ געשריי אז זי זאל סטאפען און וואס טוט זי דא, ענטפערט זי מיך און זאגט, אז עס איז נישט קיין חילוק, זי קען אויך שחט׳ן. איך לויף צו צום משגיח דער זעלבער חסיד פון ... און זאָג איהם אז אַלעס איז טריפה. ער איז געגאַנגען זאָגען פארן בעל הבית וואס עס גייט פאר. דער בעל הבית איז געוועזן אויפגערעגט און ער האט געפרעגט זיין ווייב אויב די גלחטע האט געשחטען, האָט זי געענטפערט ״שקר״ עס פאַנגט זיך נישט אָן זי האָט נישט

געשחט׳ן. איר (זיין פרוי) איז געגאַנגען אין לעבען צו ניצן דוקא די טוריקיס וואָס די גלח׳טע האט געשחט׳ן.

דער משגיח האָט ווייטער געציטערט, ער איז געווען ממש אַ אָפּגעשמיסענער, מען וועט פאַרלירען די פרנסה אויב ער וועט נישט לאָזען ניצען די טוירקיס. איך האָב געמאכט אַ ויצעקו, און ער האָט מיר געזאָגט אז ער וועט עס אָפּסטעמפּלען אלס טריפה ווען די עופות וועלען שוין ליגען אין די באקסעס, אַ פאטענט אז דער גוי זאָל נישט זיין ברוגז. מי יודע צו עס איז אמת געווען, אויב ער האָט יאָ געמאַכט אָדער נישט, דער דאָזיגער שחט פלאַץ איז געווען פול מיט פּראָבלעמען רח״ל. דער גרעסטער פּראָבלעם איז געווען דער משגיח, וואָס אויף כשרות איז ער געווען אַ וותרן ווייל ער קען פאַרלירען די פרנסה.

מער בין איך אהין נישט געגאַנגען, לפי זכרוני.

— ו —

## אַ קאטשטקעס שחיטה מיט אַ סאך פּראבלעמען — בעה״ב מישט אריין טריפות להכעיס — די חלפים מיט פגימות — מען מאכט כשר אלע טריפות

איך בין געגאנגען שחט׳ן קאטשקעס מיט השוחט הזקן ר׳... אין לאָנג איילאַנד, איך בין נאר געווען משגיח ביים כשר מאכען די קאטשקעס, וואס דאס איז אן עקסטערע גרויסע צימער נישט ווייט פון די שחיטה, און מיין ארבעט האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיט די שחיטה, אבער ווי פארשטענדלעך האב איך צו געקוקט ווי די שחיטה גייט, עס איז געווען זייער ב׳טעמ׳ט, מען האט געשחט׳ן נישט מער ווי 21 אויף איינמאל, עס איז געווען 2 ליינס מיט בלעכען ווי מען לייגט אריין די קאטשקעס. געוויינטליך האט מען געדארפט שחט׳ן די גאנצע 21 עופות און נאך דעם הערשט באקוקען דעם חלף, ווייל עס דויערט צייט ביז עס רינט ארויס דאס בלוט און מען לייגט אריין נאך אַ מאל פרישע 21 קאטשקעס, נאכ׳ן שחט׳ן 21 קאטשקעס ווערט דער

חלף זייער בלוטיג און פוהל מיט קליינע פעדערען, דאס איז איין פראבלעם.

דער צווייטער און גרויסער פראָבלעם, איז, אז עס איז זייער שווער צו שחט׳ן זיי האָבען האַרטע קָנֶה׳ס און דער חלף ווערט באַלד אַ תֶּל, עס איז גרינגער צו שחט׳ן 1000 עופות ווי 50 אדער 100 קאטשקעס, נאך בערך יעדער 21 אדער 42 קאטשקעס מוז מען גלעטען דעם חלף אויף אַ שטיין. דאס ערשטע מאל ווען דער שוחט ר׳ ... האט געשחט׳ן האב איך נישט געזען קיין חלף, קען זיין ער האָט מיר געוואלט וויזען, אבער איך האב נישט געוואלט זעהן ווייל מה לי ולצרה הזאת בחנם. דאָרט ווי איך האָב ממילא גאָרנישט געקענט פויעלן צו מתקן זיין,. און עס איז נישט געווען אויף מיין אחריות.
אויך איז געווען דארט אַ גרויסער פראבלעם ווייל יעדע קאטשקע וואס איז געווארען טריפה האט מען געמוזט אפ שניידען אַ האלבע פיס און לאזען אין אַ זייט, און אכטונג געבען דער גוי זאל עס נישט צו גנבענען און אויס מישען מיט די כשרע. ער פלעגט דאָס אלז טאן להכעיס, ער האט אליין געהאט אַ פארעם פון שווערע צענדליגע טויזענטער קאטשקעס, אבער ס׳איז געווען פאר איהם אַ מציאה אריינצוחאפען אַ טריפה און אויסמישען, דער תירוץ איז געווען אז עס איז פאר אַ גוי וכו׳.

ויהי היום עס קומט אויף מיר די צייט און איך גיי שחט׳ן פאר די שחיטה פון די ... קהלה. איך פאנג אן צו שחט׳ן און דער חלף זעט אויס שרעקליך, עס איז אַ פחד, נישט קיין פגימות ממש אבער עס פאלירט די גלעט און מען דארף אסאך ווישען אויף די האנט צו וויסען אויב עס איז נישט פגום דער חלף, און נאך דעם הערשט צו גלעטען אויפן שטיין, און עס געדויערט גענוג צייט, און איך האב די שטאטע שחיטה נישט געקענט נאך יאגען. איך האב אויך געטראפען אין די וושט׳ן העלצער דראנטען, כמ״פ וכו׳.

אויך האב איך געהאט אַ היבש ביסעל טריפות, די טריפות וואס איז פאָרגעקומען ביי איינצעלע עופות איז געווען גרינג צו מסדר זיין, איך האָב דאָס באַלד געוואָרפען אין וואַלד צווישען די גרויסע גראָזען וואָס דער בעל הבית וועט קיינמאָל נישט טרעפען, אָבער איך האָב געהאַט אַ זעלכע פּראָבלעמען אַז איך האָב געהאט 2 מאָל אַ פגימה איינמאל נאָך 21 קאטשקעס און איינמאָל נאך 10 קאַטשקעס און איינמאָל נאָך בערך אַ 17 קאַטשקעס וואָס דער בעל הבית האָט אליין צו געזעהן, איך האָב געהאַט ס״ה קרוב צו 50 שטיק טריפות, דער בעל הבית האָט געברענט ווי אַ פייער, קאַטשקע פלייש איז זייער טייער, איך האָב געזעהן דעם בעל הבית, ער איז ארום ווי אַ פארסמטע מויז עס האט ביי איהם נאך קיינמאל נישט פאסירט אזוי פיהל טריפות. איך האב מורא געהאט אז דער בעל הבית וועט דאָס אויסמישען מיט די כשר׳ע, האָב איך געזאָגט פאר׳ן בעל הבית אז איך קויף אָפּ אַלע טריפות און באַצאָל איהם וויפיל עס קאָסט. אויך האָב איך אנגערופען דעם רב המכשיר ר׳ ... פון די ... קהילה וואָס די שחיטה באַלאַנגט צו איר ער זאָל שוין קומען ווייל עס איז דא פּראָבלעמען. ער איז ביז 2 שעה געווען דאָרט, ער האט באַרואיגט דעם בעל הבית, און איך האב נישט געדאַרפט באַצאָלען די טריפות, ווייל עס האָט דעם רב ... נישט געפּאסט, ווייל אויב יאָ איז דאָס גאַנצע שחיטה אונטער אַ פראגע צייכען? וואָס איז ממילא נישט גוט געווען אונטער ר׳ אַזאַ טעראָר צו שחט׳ן, ווי עס איז טאַקע געווען אז די אַלע אַנדערע שוחטים האָבען קיינמאָל נישט טריפה געמאַכט אַ סך פון מורא.

דער רב המכשיר ר׳ ... האָט מיר געזאָגט אז ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס אנדערע שוחטים שחט׳ן און ביי זיי איז דאָס אַ גרינגע שחיטה עס האָט קיינמאָל נישט פאַסירט אזוי פיל טריפות, פאַרוואָס בין איך אזא שלימזל? איך האָב איהם געזאָגט אז מען מוז האָבען צוויי שוחטים אנדערשט טאָר מען נישט שחט׳ן, האָט ער מיר געזאגט אז איך זאל איינמאל צו קוקען ווי די

באַוואוסטע שוחטים הזקנים ר׳ ... און ר׳ ... שחט׳ן וועל איך זעהן אז דאָס איז ממש אַ שפילעריי. בקיצור, איך בין געבליבען איינמאָל וואַרטען אויף די דאָזיגע שוחטים ר׳ ... און ר׳ ... זעהן ווי דאָס איז אַ שפילעריי, האב איך געזעהן ווי זיי שחט׳ן. די חלפים זענען געווען פוהל מיט פגימות רח״ל, ער האט געהאט פון די גאנצע שחיטה פון פיר שעה בערך 1200 עופות קאטשקעס און עס איז געווען נישט מער ווי איינס אדער צוויי טריפות, עס איז ביי זיי נישט געווען קיין שום פראבלעמען, דאס איז דאך די גרינגסטע שחיטה וואס איז דא. דאס צווייטע מאל בין איך געגאנגען מיט להבל״ח דעם שוחט ר׳ ... ע״ה איינער האט געשחט׳ן און איינער האט געשטעלט חלפים אַ גאנצע צייט, ער האט מודה געווען אז איין שוחט טאר נישט אליין שחט׳ן, פון דעמאלטס אן פלעגן זיין 2 שוחטים ביי די דאָזיגע ... קהילה, ביז אַ שטיק צייט.

— ז —

## האַרטפורד שחיטה פיהל מיט טריפות רח״ל — די שוחטים מאכען נישט קיין תפיסה — קוקען נישט די סימנים —

אין האַרטפוט האָט מען געשחט׳ן טוירקיס בערך 150 אַ שעה האָט דער אלטער שוחט ר׳ ... וואָס איז געווען מענעדזער צו געשטעלט דעם שוחט ר׳ ... ער זאָל דאָרט שחט׳ן, ער האט אפילו נישט געקענט מאכען קיין תפיסה, די ערשטע פאר הונדערט וואס איך האב צוגעקוקט איז געווען ממש אלע טריפה, ער האט נישט געמאכט קיין תפיסה נישט באקוקט קיין סימנים, אבער ער איז געווארען אַלס שוחט אין איין טאג אַ האלסיילער. דאָס זעלבע איז געווען ביי די עופות דאָס ווען דער שוחט ר׳ ... האָט זיך געוואַגט מעורר זיין אז יעדעס עוף איז נישט כשר, האט דער שוחט ... דער מענעדזער עם געענטפערט אזוי לערענט מען זיך אויס.

## — ח —

## הארטפורט — אַ למדן משגיח ביים זאלצען זעהט גארנישט — גויטעס זאלצען, און נאר איין זייט זיי זענען מתיר אויפן סמך פון בדיעבד אין שעת הדחק כו׳

איך האָב דארט געטראפען אַ משגיח אַ גרויסער תלמיד חכם הרב ר׳ ... אַ ... חסיד אַ בקי בש״ס, און ער איז געשטאַנען ביים זאַלצען די טוירקיס האָב איך געזעהן ווי גויטעס זאלצען און ער שטייט דאָרט ווי אַ ליימינער גולם. פרעג איך איהם זיי זאלצען גוט, ענטפערט ער אבער נאָך ווי. זיי פלאָגען זיך מיט די 50 פונטיגע טוירקיס אָבער זיי מאַכען ערשט קלאסיג, בין איך צו געגאַנגען און צו געקוקט עס איז געווען קוים נמלח מצד אחד, האָב איך געוויזען דעם משגיח אז עס איז אינעוויניג נישט געווען בכלל קיין זאַלץ, האָט ער מיר געזאָגט נו מה כל הרעש נמלח מצד אחד כשר? האָב איך איהם מסביר געווען אז דאָס איז נאָר בדיעבד, נישט צענדליגער טויזענטער בקביעות, פאַר יודען מהדרין, האָט ער מיר געענטפערט אז ווען איינער גייט זיין אַ משגיח אין אמעריקא מוז ער לכתחילה איין גיין אויף דיעבד ושעת הדחק, כדי צו זיין געזיכערט מיט אַ גוטע פרנסה. און אויב נישט האָט ער נישט וואָס אנצופאנגען. ווייטער זאָגט ער מיר דו זאָלסט וויסען דו ביזט דאָך נאָך אַ יונגערמאַן, אין הימעל איז אנגעגרייט אַ ספעציעלער גיהנום פאר די משגיחים, שוחטים, רבנים, קיין אנדערען וועט מען דארט נישט ארייכלאזען.

— ט —

## אין שלאַכט הויז ... שחט אַ שוחט 400 טוירקיס אַ שעה רח״ל — נישטא צייט צו קוקען דעם חלף

ווען איך האָב געשחט׳ן אין אַ באַקאַנטע ריזיקער עופות מאַרקעט ... איז דאָרט אויך געווען אַ שחיטה פון טוירקיס 400 אַ שעה עס איז געווען ממש אַ פחד, ווי קען מען בודק זיין די חלפים, די טוירקיס פארען אויף די ליין, זיי ווארפען זיך, דער שוחט האָט מיר געבעטען ער וויל גיין אין בית הכסא איך זאָל איהם העלפען אַ פאָר מינוט, איך האָב געהייסען מאכען שטאטער די ליין און איך האב געשחט׳ן בערך 5-10 מינוט, דער שוחט איז צוריק געקומען האט ער מיך געגעבען ארבעט נאך אַ פאר מינוט, ער איז מיד ער וויל זיך אפרועהן, האָב איך מסכים געווען. איך האָב דאָך אַלעס געדאַרפט קענען און וויסען, פלוצלינג האָב איך באַקומען אַ פאַטש פון אַ פליגעל פון טוירקי און די ברילען האבען זיך צובראכן, האב איך שוין נישט געקענט שחט׳ן אפילו די איינע שעה פאר די היימישע עופות שחיטה פון דעם ... רב שליט״א.

* * *

— י —

## אַלטע עופות מיט פראָבלעמען — מען שחט אריין אין מפרקת — חלפים מיט פגימות — שחטן נישט רוב סימנים

מען האט געשחט׳ן אלטע אייער עופות פאַר קענס, ביי אַ קליינע היימישע שחיטה וואָס האָט באַלאַנגט צו הרב ר׳ ..., די אַלטע עופות שחט׳ן זיך זייער שווער, די קנה׳ס זענען אלט וכו׳. די ליין איז

געגאנגען אַ סאך שטאטער ווי נארמאל, מען האט געשחט׳ן איין שוחט פון 200 ביז 300 אַ שעה, איך האב געמאכט זייער אַ סאך טריפות און די אנדערע האבען נישט געהאט נאר ווייניג טריפות, איך האב מיך פשוט געשעמט, עס איז אויסגעקומען אז ביי מיר וועט די טריפות זיין מער ווי כשרה, האָב איך געלאָזט רופען דעם שו״ב דער דאָרטיגער אויפזייער ר׳ ... און איך זאָג איהם פשוט איך קען נישט שחט׳ן די עופות, פרעגט ער פאַרוואָס אנדערע קענען יא, האב איך איהם געזאגט נו! זיי זענען דאך עלטער פון מיר זיי האָבען מער עקספּיריענס, אויך האָב איך איהם געזאָגט, אז איך באשטיי אַ וועק צו געבען מיין געלט פון דעם טאָג שחיטה $75 פאַר די וואָס וועלען ארבעטען אַ שטאט מיר. איז דאך גוט, איז דאך אַ סימן אז איך בין נישט פויל ווייל איך גיב דאך אַ וועק פון מויל, האבען זיי געארבעט אַ שטאט מיר. דער סוד פון די אלטע עופות צו קענען דורך שחט׳ן די סימנים איז אז מען הערט נישט אויף צו שחט׳ן ביז מען דערגרייכט אין מפרקת, עס פארשטייט זיך אז איך האָב דאס נישט געקענט באוויזען ווייל נאָך יעדען עוף וועל איך דאַרפען באקוקען 6 בדיקות, און ועל כולם זענען די מפרקת׳ן פון די אלטע עופות שפיצעדיג אז עס מאכט זייע שנעל פגימות. בקיצור, איך האב אויף געהערט שחט׳ן. איך שפאציר אריין אין פליק צימער און איך קוק ווי עס זעט אויס די שחיטות זעה איך אז אפשר האלב עופות פון די שחיטה זענען נישט דערשחט׳ן רוב סימנים, אין אַ חוץ דעם זענען אלע מפרקת׳ן געווען אריין געשניטען רח״ל. איך האָב מיר דערשראָקען וואס גייט פאָר, איך בין באַלד ארויף רופען דעם רב המכשיר הרב ר׳ ... שליט״א, און איך האָב אים געוויזען ער האָט געהייסען נעמען אַלע נישט דערשחטענע עופות, ער איז געווארן ווייס ווי דער וואנט ער פרעגט מיך ווי קענן דאס זיין אז א שוחט זאל אַ דורך לאזען אן אומגעשחטענעם עוף? ער האט דערציילט די שוחטים וואס ער האט דעטראפען און געהייסען מער אכטונג געבען בלשון נקי׳. אזוי האב איך אויסגעלרענט פאַר דעם רב המכשיר מיט זיין ... און ... צו וויסען ווי דעם שוחט׳ס חלף זעהט אויס אָן דעם וואָס ער זאָלל זעהן דעם

חלף, אַז ווען ער גייט ביים פליק צימער און באקוקט דעם "מקום השחיטה" צו די מפרקת'ן זענען ארייגעהאקט איז אַ סימן אז דער חלף איז פגום. מען קען זעהן זייער שנעל אַ חילוק פון איין שוחט צום צווייטען שוחט, אויך זעט מען צו די פעדערען זענען געפליקט, צו עס איז אַ גרויסע שחיטה צו אַ קליינע, הגרמה וכדומה.

ביי די בדיקות חוץ אויף די בני מעיים פון די אַלטע עופות איז דא זייער אַ סאך שאלות אין מיין אַ 10% זענען געווען שאלה דיגע עס איז געווען יענעם טאג עטליכע הונדערט עופות טריפה אויף די קישקעס. ווייל די עופות זענען אלטע אייער עופות. מען דארף זיי זייער לאנג קאכען פאר זופ די פרייז איז דעמאלטס געווען 6 סענט אַ פונט. דער רב המכשיר האָט אַ גאַנצען טאָג געמוזט פסק'נען שאלות. דעמאָלטס האָב איך געזאגט פאר'ן רב המכשיר ער זאָל ויסן זיי קענען בעסער און אז איך קען נישט שחט'ן פאר טריפה, עס האט אים נישט געשמעקט אבער איך האב געטוהען ווי די תורה הייסס.

◆◆◆◆

## — יא —

## מען שחט אין... "400 קעלבער" אַ שעה (וואס איז אומעגליך אלץ כשר) — דער חלף ווערט שנעל פגום

אין די שטאָט ... (ווי עס וואוינען אויך אַ גרויסע עדה חרדישע יודען) ווי מען שחט קעלבער גייט 400 קעלבער אַ שעה בלי גוזמא. ויהי היום איך האב געפוילט ביי דעם דאָרטיגען שוחט ער זאָל מיך מיט נעמען צו די שחיטה, איך האב געטענה'ט אז איך מוז אלעס קענען, און איך בין זייער געשיקט,

עס איז נישט דא אזאך וואס איך זאָל נישט קענען, אַלעס קען מען זיך אויסלערנען. מכל מלמדי וכו׳.

איך זעה ביי די שחיטה; די קעלבער פארען אויף אַ לייז און מען שחט, מען באקוקט דעם חלף נאך יעדע 5 אבער 10 קעלבער, און אויב דער חלף איז פגום שנייט מען אראפ דעם אויער פון די קעלבער און דאס איז דער סימן פון טריפות, ער האט מיר געגעבען זיין חלף צו שחט׳ן 8 קעלבער, 2 האב איך געמאכט הגרמות, דער חלף איז געווען שטימפיג, עס האט נישט געשניטען, איך האב נישט באקוקט דעם חלף, אבער יודעי דבר זאגען אז עס איז שוואַך, ער קען שטעלען אַ גוטען חלף אויב ער וויל. ווי איך האב געהערט האָט פאַר פופציג יאָר דער ... רב זי״ע נאָך געגעסען פון זיין שחיטה הש״י. מען קען פאַרענטפערן אז אפשר דעמאָלטס האָט דער שוחט נאָך געטויגט. אויך האָט ער מיר דערציילט אז די קעלבער איז אַ גרינגע שחיטה אָבער די לעמער 400 אַ שעה דאָס איז אַ קונץ (רח״ל), בשעת איך בין דאָרט געווען האט מען נישט געשחט׳ן קיין לעמער.

◆◆◆◆

— יב —

## בהמות שחיטה אין די שטאט ... שחט מען 60 אַ שעה — מען שחט אהן אַ הרגשה — מען שחט מיט אַ פגום׳דיגע חלף ר״ל — ביי בדיקת חוץ רייסט מען סירכות — די שוחטים זענען מקיל און מתיר אלעס —

איך בין געווען אין די שטאט ... ביי מיין קרוב ..... ביי די שחיטה איך האָב שוין גוט געקענט, אָבער יעדען האָב איך געזאָגט אז איך לערען מיך נאָך שחט׳ן, און איך ווייס נאָך גאָרנישט, ממילא האָט

מען נישט מורא געהאַט פון מיר, חלפים האָב איך געהאַט שיינע, מיין ידיד ר׳ ... און אויך ר׳ ... האָבן זיך באַרימט מיט מיינע חלפים וואָס דאָס איז די הויפט אומנות פון אַ שוחט. זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט אז אויב מען וועט מיר ווייזען אַ חלף און איך וועל טרעפען גרויסע פגימות זאָל איך גאָרנישט זאָגען. דאָרט איז געווען 2 שוחטים איינער החסיד פון דעם ... רבי׳ן זי״ע ר׳ ... און אויך אַ ליטווישער שוחט ... דער חסיד ר׳ ... ווייזט מיר אַ חלף זייער אַ גלאַטען אָבער אין מיטן אזא פגימה נורא ואיום, אָבער איך האָב געהאַלטען זייער תנאי כפול נישט צו זאָגען גאָרנישט.

בקיצור, מיין קרוב דער שוחט האָט גשחט׳ן אליין 60 אַ שעה און האט בודק געווען דעם חלף נאָך יעדע בהמה, און דערנאָך האָט ער מיר געגעבן צו באַקוקען דעם חלף, און איך זאָג איהם דאָס איך דאַרף מיך לערנען וואָס הייסט פעטען, אין מיטען די בהמות שחיטה בין שחיטה לשחיטה פילט מען פעטס, אויב עס איז נישט קיין פגימה ער האָט באַקוקט זיין חלף און דערנאָך ווייזט ער עס אויך פאַר מיר, איינמאָל זעה איך אַ פגימה׳לע, איך זאָג איהם איך פיהל עפעס, קען זיין עס איז פעטען, ער האָט באַקוקט נאָכאַמאָל שנעלער הייט און ער זאָגט דער חלף איז גוט, ער שחט 5-6 בהמות און ווייזט מיר ווייטער דעם חלף, האָב איך דאָך איהם נאָך אַ מאָל געזאָגט אַז איך פיהל דאָ, האָט ער באַקוקט און מודה געווען אז עס איז טאַקע יאָ דאָ דאָרט אַ פגימה, ער מאַכט טריפה די בהמה, האָב איך איהם געזאָגט אַז אויף דעם זעלבען פלאַץ האָב איך געפילט פריער, האָט ער מיך געפרעגט פאַרוואָס האָב איך איהם נישט געזאָגט, האָב איך איהם געענטפערט דאָס איך האָב עס דאָך געזאָגט אז איך פיל עפעס אָבער איך בין נישט קיין מבין צווישן פעטס אין פגימה און איך לערען מיך יעצט.

איך האָב דאָס באמת יאָ גוט געפילט, ווייל איך בין שוין געווען גענוג ביי שחיטות, אָבער איך האב געוואלט זעהן ווי אזוי איך וועל פיהלען ווען איך וועל זיין א שוחט און שחט׳ן 60 אַ שעה צו מען קען בכלל האָבן אַן הרגשה? ווי גוט די הרגשה איז וכו׳. למעשה האָט

ער ווייטער געשחט'ן, אהן דעם וואָס אַ צווייטער שוחט אַ מבין זאָל כסדר איבערקוקען זיין חלף. (ועיין בזה בספרי שחיטת ואכילת בשר כהלכתה חלק א' במעבר לשער אות א' משו"ת טוב טעם ודעת ח"א בפתחי שערים שכ' הגאון שר התורה מהרש"ק זצ"ל עיי"ש, ועי"ע שם בדף ס"א אות כ"ו, ועי"ע בדרכ"ת סי' ל"ט סק"ז, ובשו"ת בית הלל סי' מ"ז, ובס' שמרו משפט להגה"צ בעמח"ס לב העברי מובא בס' משכיל אל דל).

די בדיקות פנים איז הענגעדיג, יעדער בודק שרייבט אויף ביי זיך אויף אַ צעטיל וואָס ער האָט געטראָפען און גיט איבער דאָס צעטיל פאר'ן "בודק חוץ", דער בודק חוץ איז בכלל נישט צוגעבונדען צו די שחיטה, עס גייט אויף אַ גוטן סיסטעם. דער בודק ר' ... האָט מתיר געווען יעדע זאַך וואָס האָט נאָר עפעס אַ מקור אין די פוסקים אפילו ווען ער טרעפט איין פוסק לקולא איז ער מתיר, ער נעמט אראף די שווערסטע סירכות וכו'. איינמאל זע איך ווי ער פרובירט אראפנעמען אַ סירכה תלוי' ובסופה מיט אַ כפתור מלאה דם וואס אלע אסר'ן, האב איך איהם געפרעגט וואס פלאגט איר זיך דאס אראפ נעמען עס וועט דאך ממילא זיין טריפה, זאגט ער ניין, ער האט אַ שיטה אין בית דוד אז עס איז כשר, ער האט מיר געוויזען די שיטה און עס איז טאַקע געווען כשר, דאָס איז געווען זיין ארבעט ארויסקראַצען היתרים אפילו אַ שיטה פון אַ יחיד קעגן רוב, און דאָס האָט געהייסן "גלאַט כשר למהדרין". די אַרבעט אויף די ריאה האָט געדוירט 15 מינוט בערך. ביי דעם בודק האב איך מיך געלערנט ווי מען נעמט אראפ אַ סירכה, ער פאקט איין אלע אונזערע שוחטים אין וועסטעל טאש, ווייל אונזערע שוחטים קענען כמעט קיינער נישט אראפנעמען אַ סירכה, זיי רייסען נאר אראף, זיי האבען אפילו נישט קיין נעגעל. דער פלענט איז שוין פארברענט געווארען צו מזל. געלויבט השי"ת אז איין שחט פלאַץ ווייניגער וועט גורם זיין יודען צו עסן נבילות וטריפות רח"ל.

* * *

## — יג —

## אַ רב המכשיר אסרט צו שחטן — און אַ ערליכער שוחט שחט דארט מיט תירוצים אז דאס איז פאר מאדערנע ר"ל

דער זעלבער שוחט (פון אָנהויב אות יב) האָט געשחט'ן אויף אַ פלאַץ לעבען אטעווע ווי די בהמה שטייט גראָד און מען שטיפט ארויף דעם קאפ דורך די נאז, מען שטעלט אריין אזא גאפעל פון 2 דראנטען און די נאָז און די בהמה שטייט גראָד, ער האָט מיר געזאָגט אז דער רבי (אַ בעל המכשיר) ... האָט געזאָגט אז מען טאָר נישט אזוי שחט'ן, אָבער ער טענה'ט דאָס די שחיטה גייט דאָך פאַר נישט היימישע (אויך שומרי תורה ומצוות) ר"ל. איך בין איינמאל דאָרט געווען און געזעהן, די בהמה איז מכביד על הסכין, אבער דער שוחט זאגט אז ווען ער פילט דאס מאכט ער טריפה. (לשיטתו קען אַ גוי שחט'ן ווייל עס גייט פאַר מאָדערנע מעג דאָס זיין נבילה רח"ל).

## — יד —

## לעמער שחיטה און פעטרעזאן — 60 אַ שעה — מאראסטיגע העלזער מאכט פגום די חלפים — שחט'ן מיט די פגום'דיגע חלפים ר"ל — נאר איין שוחט שחט און עס איז נישטא אַ צווייטער צו קוקען דעם חלף

איך בין געווען שחטן לעמער מיט מיין קרוב דער שוחט ר' ... אין פעטערזאָהן, מען שחט מיט אַ שביל, עס גייט 60 אַ שעה, ער האט געהאט 4-5 חלפים, און איך האב געהאט 5-6 חלפים, איך בין זיך נאר געגאנגען לערנען, און פון איינמאל האב איך

שוין גוט געקענט, איך האב שוין קיינמאל נישט געדארפט גיין. ער ר׳ ... האָט גע׳שחט׳ן איינס צווי לענ׳ער און דער חלף איז געוואָרען פגום, די העלדזער זענען געווען פוהל מיט מאַראַסט. מען האָט אויסגענוצט זיינע מיט מיינע חלפים, און איך האָב געמוזט אנגעפאנגען שטעלען חלפים, אבער פון אַ פגימה ווערט נישט אזוי שנעל אַ גוטער חלף. פרעג איך איהם ווי אזוי שחט׳סטו כסדר אליין? אפילו 2 שוחטים איז דאָך נישט גענוג פאר אזא שחיטה, האָט ער מיר געענטפערט וואָס זאָל איך טוהן אז ... האָט איינגעפירט איין שוחט זאָל שחט׳ן, רח״ל, לא יאומן כי יסופר. איך ווייס נישט צו אפילו איין לעמעל איז געווען כשר, יעדער חלף האָט נישט געטויגט, עס איז נישט געווען ווי אזוי עס דאַרף צו זיין, איך האָב מער נישט געוואָלט קוקען חלפים איך האָב שוין געוואוסט ווי די חלפים זעהן אויס.

## — טו —

## רב המכשיר קוקט נישט קיין חלף ביי די שחיטה קיינמאָל — נאָר אין אפיס פון פחד, ער טרעפט שוחטים מיט נישט גוטע חלפים

אין ניו דזערסי זענען מיר געווען שחט׳ן קעלבער מיט די צוויי מפורסמדיגע שוחטים איינער ר׳ ... און נאָך איינער איז געווען ר׳ ... אויך האָט מען געשחט׳ן לעמער אין זעלבען טאג. און דער בעל המכשיר דער ... רב איז ארויף געקומען אין אָפיס קוקען חלפים, ווייל ביי די שחיטה האָט ער קיינמאָל נישט געקוקט קיין חלפים, און ער באַקוקט דאָרט אין אָפיס דעם חלף פון ערשטען שוחט ר׳ ... און עס איז נישט גוט, האָט דער שוחט זיך פאַרענטפערט ער ווייסט נישט פאַרוואָס ער האָט נישט קיין מזל צו קיין רב, אלע פסלענען זיינע חלפים דאָרט ווי אלע שוחטים זאָגען אז ער האָט דעם בעסטען חליף, און ווען אַ רב

קוקט דאָס אָהן, איז דאָס נישט גוט? און דאָס איז געווען כסדר אזוי, כאָטש די רבנים האָבן דאָס געוואוסט האָט מען אים נישט מעביר געווען.

— טז —

## אַ ערליכער שוחט וויל נישט שחט׳ן לעם וועגען די גרויסע פראבלעמען — 2 אנדערע זענען יא געפארן און געשחט׳ן

איך בין געווען ביים זעלבען פלאַץ מיט אַ צווייטען שוחט, ער האָט געהאַט שיינע חלפים און איז געווען אַ ערלעכער שוחט, איך האָב ביי איהם געזעהן חלפים ביי די שחיטה, איך האָב איהם איינמאָל געזאָגט דאָס דער חלף איז נישט גוט האָט ער טריפה געמאַכט די קעלבער, קיין לעם האט ער נישט געוואלט שחט׳ן וועגען די גרויסע חששות און וועגען די שנעלע שחיטה, האבען די קצבים באין ברירה געמוזט שיקען אַנדערע שוחטים, אַ מאָל דעם אַ מאָל יענעם, אַ זעלכע וואָס האָבען גערן געטוהן וואָס די קצבים האָבען געוואָלט רח״ל.

— יז —

## אַ היימישע גרויסע שחיטה אין ניו דזשערסי — דער רב קומט איינמאל אַ יאָר צו די שחיטה — שוחט מאַכט הגרמות — משגיח קוקט נישט מקום השחיטה — מען האָט מורא פון אַ צו פרומען טאָמער ער וועט אויסזאָגען סודות פון חדר.

איך בין געווען אין ניו דזערסי אין ... קא. ווי מען האָט גע׳שחט׳ן פאַר דעם קצב. איך בין דאָרט געווען בערך אַ האַלב יאָר אָדער אַ יאָר, איינמאל האָב איך אין גאנצען געזעהן דעם בעל המכשיד אַ היין קומען

כדי זיך אומקוקען וואָס דאָרט טוט זיך. דער שוחט ר׳... איז געווען אַ בודק פנים און אַ בלאָמבירער אויף די לינגען און ער רופט צו דעם בעל המכשיר ... און ווייזט אים דאָס 3 צינגען וואָס ער גייט יעצט בלאָמבירען זענען אַלע דריי הגרמות מען דערקענט ביי די קנה דאָס עס איז נישט געבליבען קיין טבעת, אין דער רב ... געט אַ געשריי אוי וויי, האָט אים דער דאָזיגער שוחט געוואָרענט ער זאָל אכטונג געבען, ווייל מיר האָבען דאָ אַ פרומאַק ער קען נאך גיין פאַרציילען פאַר מענטשען וואָס דאָ גייט פאָר, האָט מען געמאַכט אַ שווייג און געלאָזט אַלעס ווייטער ביים אַלטען. דער שוחט וואס האָט איבער געלאָזט די הגרמות איז געווען אַ בעל מקובל אַ חסיד ער האָט כסדר געלערענט. ער איז אַ שטיקעל ערליכער, אָבער די שנעלע שחיטה האָט אים געברענגט דאָס ער זאָל נישט קענען בודק זיין די מקום השחיטה אויב עס איז געהעריג געשחט׳ן. און ער האָט בשוגג נעבען מאכיל טריפות געווען, אָבער די אַנדערע שוחטים מיט׳ן רב המכשיר האָבען יאָ געוואוסט אַלעס פינקטלעך און דאָך גאָרנישט געטוהן.

◆◆◆

— חי —

## אַ שוחט זעט אַ פגימה און ער ווייזט דאָס פאַר׳ן צווייטן שוחט אַ מקובל, יענער לייקענט און שחט ווייטער דערמיט ר״ל

איך האָב געהאַט אויך מיט דעם שוחט ר׳ ... אין פעטערזאהן ער האָט מיר געוויזען אַ חלף אין מיט׳ן די שחיטה, איך האָב אים געהאלטען פאר אַ ערליכען האָב איך געזאָגט אז איך פיהל עפעס, עס איז טאַקע געווען אַ גוטער הרגש, האָט ער געעפענט אַ פאר אויגען, און האָט געזאָגט עס איז גוט, איך האָב מורא געהאַט ער זאָל מיר נישט רודפ׳ן, האָב איך איהם געענטפערט איך בין דאָך אַ תלמיד, קען זיין עס איז פעט׳ס און

מען דאַרף נאָר אָפּווישען, איך בין נאָך נישט קיין מומחה. פון דעמאָלטס האָב איך מיך שוין אַכטונג געגעבען פון אים אויך.

## — יט —

## עס ווערען פארטווישט די לונגען ביי בדיקת חוץ — מען ווייסט נישט וואס מען איז בודק — שוחטים האָבען נישט קיין נעגעל צו נעמען סירכות

ביי אַ שחיטה אין ניו דזשערסי ... האָב איך געוויזען פאַר דעם שוחט ר׳ ... אז ביי די בדיקות חוץ טווישען זיך די לינגען, איך קען נישט חאַפּען וועלכע לינג עס ליגט אויפן טיש - האָט ער געשריגען אויף דעם בודק צו קען ער דען אראָפּ נעמען אַ סירכה? ער האָט דאך נישט אַ מאָל קיין נעגעל, און ער שרייט פערד שחט׳ן אָקסען, און דער שוחט האָט בפירוש זיך גילאָזט הערן פאַר דעם בודק אז איך קען בעסער אראָפּ נעמען אַ סירכה פון זיי אלע. זיי האָבען הנאה גיהאַט ווייל איך וועל קענען ווערען אַ גוטער שוחט, און טוהן אזוי ווי זיי רח״ל.

## — כ —

## שוחט איז מעורר אויף קלקולים און יענער לאַכט זיך אויס — זיין שחיטה איז נבילות

ביי די מהודר׳דיגע שחיטה ... איז געגאנגען די בהמות אַ שנעלקייט פון בלויז 13 אַ שעה, דאָרט האָבען גע׳שחט׳ן צוויי באַקאַנטע שוחטים, איינער איז געווען פאַרן אַנדערן אַ שונא זיי פלעגען באַקומען אומזיסט לעבער׳ס וכו׳. אויב עס איז געווען געבוג כשר׳ע האָבען זיי באַקומען בעין טוב וביד רחבה, איך האָב באַקומען פון איינעם פון די צוויי אַ חלף צו באַקוקען, האָב איך געפילט אַ פגימה׳לע, האָב איך אים געזאָגט, אז עס דוכט מיר דאָס עס איז דאָ עפעס, האָט ער אויף מיר אַ שריי געגעבען די ווייסט נישט וואָס דו

רעדסט דער חלף איז פיין, פון פחד האָב איך באין ברירה זיך פאַרענטפערט, זאָג איך איהם די זעלבע, איך בין דאָך אַ תלמיד מן הסתם איז דאָס נאָר פעטען, איך פאַרשטיי נאָך נישט צו גוט, און אַזוי בין איך אים געבליבען אַ ידיד, אָבער דער אמת איז אז דער מצב איז דאָרט געווען מורא׳דיג.

## — כא —

## טויזענטער עופות אָהן אַ שאלה טאג ביי טאג — אַ רב לאָזט שחט׳ן פריוואַט אביסעל און האָט פיהל שאלות מער ווי דער גאַנצער פלענט צזאם

איך פלעג שחט׳ן אין ... איינמאָל אַ וואָך, הגה״צ דער ... רב שליט״א [זצ״ל] פלעגט יעדען זומער דאָרט זיין 2 וואָכען און ער האָט זיך געלאָזט שחט׳ן 200 עופות און טוירקיס, איך האָב איהם געגעבען צו באַקוקען דעם חלף ביי יעדע 5 עופות בכדי ער זאָל עסען רואיג. אין איין וועגס האָב איך געוואלט ער זאל זיך לערנען קוקען אַ חלף, ביינאַכט האָב איך איהם געהאָלפען עפענען די עופות אין באקוקט די שאלות, ער האט געהאַט מער שאלות ווי דער גאנצער פלענט פון טויזענטער עופות. איך האָב מיט איהם געשמיעסט 2 מאָל בערך 6 שעה. דעמאָלסט האָב איך געאַרבעט אויף דעם ספר נפש ישעי׳. האָב איך איהם זיך אָפגערעט פון האַרץ, איך האָב איהם פאַרציילט אז איך זעה ביי די שוחטים פגימות און איך ווייס נישט וואָס צו טאָהן ? איך האָב שוין עטליכע מאָל זיי געזאָגט און די רעזולטאטען זענען נישט גוט געווען. האָט ער מיר געזאָגט דאָס איז נישט כדאי צו מאַכען אַ טומעל דערפון ווייל טאָמער איך וועל אויסזאָגען וועט מיר פאַסירען ווי עס האָט אים פאַסירט, מען האָט איהם ארויסגעוואָרפען פון ...., און איך טראָג נישט קיין שום אחריות אויף מיר ווייל איך וועל ממילא

נישט אויף טוהען, נאָר מען וועט שרייען אז איך בין אַ בטלן איך קען נישט, און איך וועל ליידען בזיונות, וככה הוה.

— כב —

## מען וואַרפט די עופות (שאלת ריסוק אברים) — 2 חשובע רבנים זאָגען צו מתקן צו זיין און טוהן גאָרנישט

איך בין געוועזן ביי הגה"צ המפ׳ ... רב ז"ל און זיך אָפגערעט דאָס אין שלאַכט הויז ... וואָס האָט אַן השגחה פון אַ היימישע כשרות אָרגעניזאַציע ... און מען וואַרפט די באקסעס טשיקען פון זייער הויך און עס איז אַ שאלה פון ריסוק אברים, און איך שריי געוואַלד, און די בעלי בתים זאָגען אז איך בין משוגע ווייל קיין איין שוחט שרייט נישט נאָר איך, דער רב ... ז"ל האָט מיר צוגעזאָגט ער וועט טוהן עפעס דערצו, אָבער עס איז גאָרנישט געוואָרען דערפון ומפטירין כדאתמול, עס איז געבליבען ביים אלטען.

— כג —

## מען שחט אויף אַ מעשין (אין האַרטפורד) — גאַנצע שטאָדט רודערט-מען איז מעורר גדולי הרבנים אויף גרויסע פראָבלעמען — רבנים זאָגען צו און טוהען למעשה גאָרנישט — אַלעס לויפט ווייטער ווי פריער — שוחט ציטערט מגלה זיין קלקולים וועגן זיין פרנסה

מעשה שהי׳ כך הי׳, אין האַרדפורט האָט מען אָנגעפאַנגען צו שחט׳ן אויף די רינדעכיגע מעשינדלעך (דאָס מיינט די עופות האָבן

געהאָנגען אויף די מעשין וואָס האָט געהאַט האָקען וואו מען האָט געהאָנגען די עופות אויף די פיס, די מעשין האָט דער בעל הבית אָנגעשטעלט ווי שנעל ער זאָל לויפען, און דער שוחט האָט געמוזט נאָכלויפען און שחט׳ן ווי שנעל די מאַשין איז געלאָפען. 1200 אַ שעה מער אָדער ווייניגער לויט די שנעלקייט וואס מען האט געוואלט דער שוחט זאל שחט׳ן) האָב איך אָנגהיצט די פרומע פון ק״ק ... יצ״ו וכו׳. ביז די גאַנצע שטאָט האָט געשמיעסט אז אַ מעשין שֶׁחְט, עולם גולם ווייסט נישט קיין חכמות, דער טומעל איז געגאנגען עד לב השמים, ביז דער ... רב זצ״ל וואָס האָט אויך געהאַט אַ שטיקעל אחריות דאָרט איז געוואָר געוואָרען און האָט געלאָזט רופען דעם שוחט פון דאָרט, יענער האָט נישט געוואוסט וואָס דער רב וויל פון איהם, אזוי פיהל האָט ער געוואוסט דאָס ער וויל פרעגען וועגען די שחיטה פראָבלעמען, בקיצור, יענער שוחט ר׳ ... רופט מיך אריבער צו אַ בוטשער ווען קיינער איז נישט דאָרט געווען, כדי איבער צו שמועסען וואָס מען טוט וועגען דעם גרויסען פראָבלעם, דאָס ער דאַרף גיין אויף אַ פארהער, און ער קען דאָרט נישט זאָגען קיין ליגענס ווייל מען וועט איהם חאַפען, און נאָך אַ פראָבלעם האָט ער, אז אויב ער וועט עפעס זאָגען פארען ... רב זצ״ל, און דער רב וועט זיך אָפרעדען פאַר איימיצען וועט ער זיכער איבער זאָגען אין זיין נאָמען. זאָל ער יא זאָגען, אָבער נישט זאגען, האָב איך איהם געזאָגט, הער מיך אויס, לאָמיר רעדען ביזנעס, דאָס וואָס איר שחט דאָ איז דאָך ווייל איר האָט נישט קיין ברירה, איר טוט דאָך אלעס פאר פרנסה, ממילא פאר זיך איז כדאי צו ליידען, מען מוז דאָך האָבען פרנסה, אָבער איר זאָלט זאָגען ליגענט פאַר׳ן רב און אויף זיך צו נעמען אחריות אויף אַלע שוחטים דאָרט ווי איר באַקומט גאָרנישט דערפאַר, פאַרוואָס זאָלט איר דאָס טוהען, און נאָך אַ זאַך, יעצט איז אַ געלעגענהייט, אז אויב איר וועט זאָגען דעם אמת וועט מען מאַכען תיקונים, און אויב נישט וועט איר טראָגען דעם אחריות עד סוף כל הדורות וואָס אַלע שוחטים וועלען דאָרט שחט׳ן, איך האָב איהם אראָפּ געלייגט דעם חפץ חיים אז מען וועט יעדעס אבר עקסטער אפעריִרען וכו׳ זוהה״ק אוחה״ק,

יושה״ע וכו׳. אָבער ער האָט נאָר פאַר איין זאַך געציטערט, דאָס דער רב וועט אַלעס פאַרציילען אין זיין נאָמען וועט ער פאַרלירען די פרנסה. האָב איך איהם געגעבען אַ עצה אז איך וועל גיין מיט איהם און ער זאָל זאָגען וואָס ער וויל און אויב דער אַלטער שוחט וואָס איז דער מענעדזשער ר׳ ... וועט איהם פרעגען היתכן? די האָסט פאַרציילט זאָלסטו זאָגען אמת טאַקע אז מען האָט דאָס געזאָגט, אָבער נישט ער נאָך איך האָב דאָס געזאָגט, און אויב ער וועט מיך דערנאָך פרעגען וועל איך אים יאָ זאָגען דעם אמת אז איך האָב דאָס טאַקע געזאָגט, און איך האָב גאָרנישט קיין מורא, ווייל פאַר מיר גיט נאָר השי״ת פרנסה, איך באַקום נישט פון אים און נישט פון קצב פרנסה.

בקיצור, מיר זענען אריבער צום רב ז״ל און דער רב פרעגט אונז וואָס טוט זיך עפעס ביי די שחיטה? האָט יענער שוחט געבעטען איך זאָל קודם זאָגען. האָב איך אַראָפגעלייגט דעם פראָבלעם פון ריסוק אברים אין יענעם שלאַכט הויז אז מען וואַרפט די באַקסעס, דער רב האָט געהאַט אַ קליין צעטיל און ער האָט אַלעס אויפגעשריבען. פרעגט דער רב אים וואָס זאָגסטו? האָט ער געענטפערט, איך וועל זאָגען בקיצור, אז איך שחט 200 עופות און איך באַקוק דעם חלף און טרעף אַ פגימה, קען איך נישט מטריף זיין נאָר דאָס לעצטע. האָט דער רב געפרעגט היתכן? מען דאַרף דאָך פון די לעצטע בדיקה טריפה מאכען? האט ... געענטפערט אויב איך וועל דאס טוהן איין מאל אדער צוויי מאל וועט מען מיך ארויסווארפען און שרייען אז איך בין אַ בטלן, דער רבי וועט מיר געבען פרנסה קיינער וועט זיך נישט אננעמען פאר מיר, אין דער היים האט זיך דער רב אנגענומען פאר׳ן שוחט, ווער וועט זיך פאר מיר אננעמען דא?. דער רב האָט דאָס געשריבען אויף אַ צעטיל און ביי דעם איז דאָס געבליבען, עס איז געוואָרען אפגעשריבען, אָבער עס איז למעשה נישט געשעהן קיין ממשות׳דיגע תיקונים נאָך דעם גאַנצען טומעל.

## — כד —

## בעל השור על שורו — בעה"ב קצב פושע ישראל שלאגט שוחט פארן שחטן אַ פאָר נבילות — צוליב פחד כשר'ן די שוחטים אפילו נבילות

מיין קרוב דער שוחט ר' ... איז געגאַנגען אַ סאך מאָל פארטרעטען אַ צווייטען שוחט, און אַ סאך מאל האָט מען געשחט'ן פאר ... אָדער ... איינמאל האָט ער געמאכט עטליכע נבילות ביי די שחיטה, אדער ביי די בדיקה, איז געגאנגען דער בעל הבית אַ פושע ישראל און האָט איהם געגעבען אַ פאַטש אין פנים, איז ער אַראָפ געפאַלען אויף דער ערד און האָט זיך נישט געקענט רירען. האָב איך איהם געזאגט רוף איהם אין קארט קענסט מאכען אַ מיליאן דאלאר, האט ער מיר געענטפערט ער האט מורא פון איהם ווייל ער האט אַ רעוואָלוער און ער קען מיך נאָך שיסען, רח"ל ע"כ. דאָס ברענגט אז די שוחטים ציטערען און זענען מכשיר אלעס.

◆◆◆◆

## — כה —

## אין ... שחיטה למדן חסיד מאכיל טריפות — שוחט מאכט פיהל הגרמות און לאזט אלס כשר

ביים דעם אינזעל פלענט די שחיטה פון קהילת ... הָאב איך געשחט'ן צוזאַמען מיט אַ חשוב'ן שוחט נ"י פאַר די שחיטה פון דעם רב שליט"א, ... יענער שוחט פלעגט שחט'ן און איך האָב איהם צוגעגרייט די חלפים, ער האָט געשחט'ן מיט מיינע חלפים ווייל ער איז פויל געווען צו שטעלען שיינע חלפים, האב איך געהאט יעדען טאג עטליכע שעה ארבעט פאר די חלפים, איך האב דאס געטאהן מיט

מיין אייגענער רצון בחנם. די שחיטה איז געווען 13 בהמות אַ שעה, ער האָט אויך בודק געווען בדיקת פנים און בדיקת חוץ, און איך האָב איהם צוגעהאָלפען מאַכען בדיקת חוץ, ווייל ער האָט נישט געקענט אליין בודק זיין סיי בדיקת פנים און חוץ ביי 13 בהמות, מיין ארבעט איז געווען בלאָמבירען און העלפען צו די בדיקות חוץ, טייל מאָל האָב איך אַראָפּ גענומען די קליינע רירלעך ד"ה סירכות קטנות טיילמאל ער. (ועי' מש"כ בזה באריכות בספרי שו"ת זבחו זבחי צדק בענין זה ותבין) דארט איז דא אַ ... חסיד ער שחט פאר ניו דזערסי רבנים, ער איז אזא מאכיל טריפות, ער קען נישט טריפה מאכען מער ווי 2% אדער לכל היותר 3%, און ער איז נאך אן אלטער ... יושב אַ למדן מופלג, און איז אַ בעל תוקע אין די קהילה פון ... (איך מיין ער איז שוין אויס בעל תוקע, ווייל איך האָב דערציילט פאַר ר' ... (אַ עסקן און בעל דיעה אין יענע קהילה) מה טיבו של ברנש זה. אויך לערנט ער דאָרט פאָר ...) קומט ער צו צו מיר און זאָגט מיר אז דער שוחט ר' ... האָט געמאַכט 4-5 הגרמות און האָט דאָס געלאָזט פאר כשר רח"ל, עס האָט מיר אנגעחאפט אַ ציטער, נאך אזוי פיהל מיה וואס עס קאסט מיך האבען מיר אלע נבילות, איך האב איהם געזאגט גיי זאג פאַר דעם הויפט שוחט (אַן ערליכער) וכך הוה ר' ... יענער שוחט האָט זיך אָנגעחאַפּט ביים קאָפּ, בקיצור, מען האָט דאָס געזאָגט פאַר דעם מענעדזשער ר' ... און אונזביידע האָבען שוין געהאַט אַ נייעם דזאַב נאָך צו קוקען יעדען (צינג) קנה צו עס איז נישט קיין הגרמה, איך האב געזאָגט פאַר דעם דאָזיגען שוחט ר' ... אז ער איז מחוייב צו דאָס צו דערציילען פאַרן רב, ווייל עס איז אַ שאלה צו דער אַנדערער שוחט מעג ווייטער שחט'ן ווייל ער האָט אַ דורך געלאזט הגרמות אלץ כשר, איך האב איהם גראדע געזאגט אז אויב עס איז עם שווער צו זעהן, זאל ער אנטוהן ברילען, האט ער געזאגט אז ער זעהט גוט. דער כוח פון בעל דבר אין אין לשער.

— כו —

## בעל הבית צווינגט צו לאזן גלאט 50 פראצענט מיט אַ טענה אז ביי אַ צווייטע גרויסע חרדישע שחיטה איז אזוי

אויך האָבען מיר געשחט'ן אין אינזעל קעלבער 50-60 אַ שעה, איין שוחט (דער מענעדשער) ר' ... האָט געשחט'ן און אַ צווייטער שוחט ר' ... איז געוועזן אַ בודק פנים און אַ בודק חוץ. עס איז געוועזן גלאַטע אינגאנצען 7% בערך, דער בעל הבית האָט געשריגען אויף יענעם שוחט היתכן? ביי ... איז דאָ 50% און אזוי אויך ביי ... וואָס האָבען חסידישע שוחטים מיט לאַנגע בערד איז דאָ 50% גלאַט אָן קאָפּ ווייטאָג און איר גיט ארויס אזוי וויייניג גלאַטע, האָט ער געענטפערט זיי האָבען אפשר מער עקספּיריענס פון מיר, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו זאָגען אז יענע שוחטים זענען טאַקע מאכיל נבילות וטריפות צוליב מורא צו פאַרלירען די פרנסה, און צוליב טעראָר — עס איז אָבער געווען אַ פעלער אז די קעלבער זענען זייער גרויסע און זיי זענען פיהל מיט סירכות, און ביי אַ קעלבעל קען מען נישט מתיר זיין קיין סירכות.

— כז —

## אַ שוחט שחט אהן אַ מקוה 3 חדשים שחט 3 חדשים מיט האנט אינפעקשען

דער שו"ב ר' ... האָט געהאַט אַן אינפעקשען אויסשלאָג אויף די האַנט, ער האט נישט געטארט גיין אין מקוה 3 חדשים, אבער שחט'ן מיט'ן אויסשלאַג האט ער יא געמעגט עפ"י הוראת איזה רב מ... הרע-בנים.

◆◆◆

## — כח —

# אין אַ מאַרקעט אין ניו דזערסי — בעל המכשיר זעט אויס ווי אַ גוי — קומט קיינמאל ניט קוקען די שחיטה — האט הכשר אויף פיהל שחיטות — ווייזט נישט בכלל וואס טוט זיך אין פלענט

איך האָב געשחט'ן אַ לאנגע צייט אין ניו דזערסי אין אַ מארקעט אַ שיינע שטאטען שחיטה, אויך ר' ... שו"ב האט דארט געשחט'ן 15 יאר, נאך 2-3 יאר וואָס איך שחט דארט, ויהי היום איך האַלט אין מיט'ן כשר מאכען עופות זעה איך איינעם אַ נידעריגען מיט אַ שווארצען היט ער האט אויסגעזעהן ווי אן איטאליענער גוי, ער האט זיך דערנענטערט צו מיר, האב איך עם געזאגט גוט מארנינג. זאגט ער מיר אז ער איז דער ראביי דער רב המכשיר פון דעם פלאץ, עס איז מיר געוואָרען נישט גוט, איך האָב געוואָלט אָבער זעהן וואָס פאַר אַ פאַרשוין דאָס איז, איך נעם ארויס אַ חלף און איך ווייז איהם. ער זאגט זייער שיין. פרעג איך איהם פארוואָס האָב איך אייך ביז היינט נישט געזען? זאָגט ער אז ער איז איצט געקומען אראָפ נעמען די השגחה, פרעג איך איהם פארוואס? זאָגט ער ווייל ער גיט השגחה אויף עטליכע גרויסע שחיטות, אויף איין פלאץ שחט מען באלד 2000 לעם אַ טאָג, און נאָכדעם אַ קעלבער השגחה, און ער האָט צו אַ סאך אויף זיין קאָפּ ע"כ נעמט ער אראפ די השגחה. פרעג איך איהם אַ שאלה פון ווי האט ער געוואוסט אז איך שחט מיט אַ חלף, אפשר ח"ו מיט אַ זעג? האט ער מיר געענטפערט אז ער האט געהערט אויף מיר אז איך בין אַ גוטער יונגערמאן. די סיבה פארוואס ער נעמט אראָפּ האב איך פארשטאנען ווייל ער האָט באקומען ערגעץ אנדערשט מער געלט, אבער איך פרעג איהם לויט זיין קלאָץ תשובה, אז איר קענט טראָגען אויף אייער קאפ

טויזענטער לעמעלעך אַ טאָג און נאָך אַ קעלבער שחיטה, און 200 עופות אַ טאג וואָס איר האָט נישט דאָרט קיין שום שאלות אַ שטאטע שחיטה האָט איר מורא?

## — כט —

## שוחט שחט אויף די פעדערן — שוחט איז מודה אז ער שחט נאכדעם ווי ער האט געזהען אַ גרויסע פגימה

איך האָב לײדער אויסגעלערענט שחיטה פאַר אַ תלמיד בפקודת כ״ק אדמו״ר זי״ע מסאטמאר, ער איז געווען אַ גרויסער בטלן, ביז איך האָב איהם אויסגעלערענט די הלכות איז נאָך שווערער געווען באלד ווי דער חלף. ביז צו מזל האט ער באקומען קבלה און אנגעפאנגען צו שחט׳ן, אין ... האט אויסגעפעלט אַ שוחט האָט דער אויפזעהער השו״ב הזקן ר׳ ... אים גענומען צו שחט׳ן ביי אים ער איז דאָך געווען אַ בטלן און נישט געקענט שחטן אזוי ווי די אַנדערע שוחטים. איינמאָל גיב איך אַ קוק ווי ער שחט אויף די פעדערן פונקט ווי דער שו״ב ... דער באַוואוסטער מאכיל נבילות וטריפות, עס האָט מיר גענגעבען אַ שטאָך אין האַרץ אין 2-3 טעג האָט ער זיך אזוי אראָפגעקייקעלט, עס האָט מיר זייער וויי געטוהן ווייל ער איז געווען מיין תלמיד און נאָך בפקודת מרן זי״ע. ויהי היום דעם פערטען אָדער פיפטען מאָל וואָס עד האָט געשחט׳ן האָט ער געוויזען זיין חלף פאר יענעם שו״ב דער אַלטער מאכיל טריפות, ... מיט אַ גרויסע פגימה פרעגט עד אים ווען איז דאָס געשעהן, זאָגט ער מיט איינס אַ האלב שעה צוריק. האָט ער געשריגען וואָס האָסטו נישט געזאָגט און געוויזען דעמאָלסט, האָסט אַ ספק ווייז עלטעדע שוחטים. אָבער אַלעס איז געבליבן כשר רח״ל.

* * *

## — ל —

## מחלוקת השוחטים בענין הרגשה — דער רב המכשיר פארלאזט זיך אויף די שוחטים — זיי שחטן אהן (אדער ספק) הרגשה — שוחטים בארימען זיך אז זיי שחטן 1200 אַ שעה

איינמאל ווען דער ... רב דער בעל המכשיר איז געקומען האָט ער אין די קאר אַ היים פאַרענדיג מיט די שוחטים געמאַכט אַ מיטינג, און ער האָט געפרעגט די שוחטים אַזא שאלה. די זאַך איז אזוי, מיר פלעגען שחט׳ן פון 6.30 צו פרי ביז 11.00 מיטאָג. אין מיטען איז געווען ברעק טיים 15 מינוט. נאָך אַרבעטען בערך 4.5 שעה, די שוחטים האָבען זיך איינגעטיילט, טייל האָבען געאַרבעט טייל האָבען גערוהט, נאָך לאנטש טיים 12 מיטאָג פלעגן שחט׳ן דאָרט די או יו שוחטים, מען פלעגט צאָלען $60 אַ טאָג פאַר אַ שוחט, די נאָך מיטאָג שחיטה איז געווען ביז 2.30 בערך. בקיצור, עס האָט אויסגעפעלט פאר דעם בעל הבית נאָך עופות, אין די פאַרמיטאָג שעה׳ן האָט ער געהאַט בערך 12-13 טויזענט עופות און עס האָט איהם נאָך אויסגעפעהלט נאָך איין שעה שחיטה. האָט דעמאָלסט פאַרענדיג אַ היים דער רב המכשיר געפרעגט די שוחטים צו נאָכמיטאָג האָט מען די זעלבע הרגשה ווי צופרי, און פרעגט מיך וואָס זאָגסטו?, קען זיין וועגען דעם האָט ער מיך געפרעגט ווייל ער האָט פון מיר מורא געהאַט אלץ אַ פרומער וכו׳. האָב איך איהם געזאָגט איך בין דאָך אַ יונגערמאַן, פרעגט קודם די עלטערע שוחטים, אַ כלל דער שו״ב ר׳ ... האָט שוין פאָרגעלייגט דעם פּלאַן פאַר מיר מען זאָל קענען שחט׳ן, איך האָב איהם געזאָגט איך מיין עס איז צו שווער. פרעגט דער רב אַ צווייטען שוחט וואָס זאָגסטו, האָט ער זיך אָנגערופען אז די צווייטע שעה האָט ער שוין נישט די זעלבע

הרגשה ווי גאנץ פרי, און אַ וודאי אז אין די נאָכמיטאָג שעה איז די שחיטה בכלל ניטש צוצוגלייכען ווי צופרי ווען מען איז אויסגערוט אָבער די שוחטים קלים האָבען געזיגט, און עס איז געבליבען אז די זעלבע הרגשה האָט מען נישט אָבער אַ הרגשה האָט מען נאָך אַלץ. און מען האָט געאַרבעט נאָך אַ שעה בערך, די וואָס האָבען געאַרבעט מער האָבען מער באַקומען.

— ל* —

## שוחטים שחט'ן מידערהייט נאָך אַ גאנצ'ן טאָג שחיטה — זיי שחט'ן 1200 אַ שעה — דער חלף רירט אָהן אַלע עופות אין מפרקת — (וואָס איז פוגם דעם חלף — און זיי זאָגען אז עס איז גאָרנישט.

אַ כלל מען האט געשחט'ן נאך אַ שעה איז דאך שוין געווען אַ שאד אז די או יו שוחטים דארפן יעצט שחט'ן נאך 1.5 שעה און באַקומען פאר דעם $60 קענען מיר דאך שחט'ן פאר די או יו די איבעריגע 1.5 שעה און מאַכען נאך $60, סיי ווי האָט מען געמוזט וואַרטען נאך 2-3 שעה כדי אהיים צו נעמען די משגיחים מיט די זעלבע קאַר, דער שוחט ר' ... האָט אַראָפּ געלייגט דעם פלאַן ויענו כל העם ויאמרו אמן כסף? כסף? ווער וויל נישט שחט'ן 1.5 שעה פאַר $60, דאָרט ווי צייט איז ממילא דאָ, און מען האָט געשחט'ן נאָך 1.5 שעה, ס"ה דעם גאנצען טאָג, אַ שטאָט מיר האָט מען זיך איינגעטיילט, אָבער מען האָט געהאַט נאָר איין יוניאן שוחט, איך האָב נישט געוואָלט שחט'ן און מוחל געווען דאָס געלט, איך האָב געזאָגט אז איך האָב זייער ליב געלט אָבער איך בין אָפּגעמיטשעט. נאָכמיטאָג ווען די שוחטים זענען ארויף נאָך די שחיטה זענען די צוויי שוחטים ... צוזאַמען געפאַלען אויף די בעטען און באַלד איינגעשלאָפען. אָבער ביי די שחיטה האָבען זיי פלייסיג געאַרבעט. דער שו"ב ר'

... פלעגט זיך אַלץ אויפטוהן אז ער האָט אין די מידע נאָכמיטאָג שעה געשחט'ן קיין איינס נישט ווייניגער ווי 1200, אין יעדען עוף האָט ער אָנגערירט דעם מפרקת, ער האָט געזאָגט דאָס דער מפרקת איז נישט פוגם רח"ל. (עס איז דאָ ליידער אַ סאך צו דערציילען וועגען די שחיטה אבער אכמ"ל).

## — לא —

## שוחטים שטעלען בכוונה שיינע חלפים ווען דער רב המכשיר קומט קוקען — רבנים קומען באַשטעלט אויף אַן אפוינטמענט — היימישע רבנים מכשירים שרייבען פסק הלכה מתיר זיין צו שחט'ן 12 הונדערט אַ שעה דורך איין שוחט — או יו! ווערט געצווינגען מאכיל טריפה זיין לכבוד דעם כתב — די שטאָט עסט נבילות וטריפות מיט'ן הכשר

איינמאָל אין אַ מיטוואך 3.15 פאַרטאָגס זענען מיר געווען אין מקוה, און השו"ב ר' ... זאָגט פאַר די שוחטים אז דער ... רב (דער בעל המכשיר) האָט שלום געמאַכט מיט ... רב (דער צווייטער בעל המכשיר זיין קרוב). ווי עס איז ידוע זענען זיי געווען צוקריגט אויף מעסער שטעך. האָב איך מיך אָנגערופען אוי געוואַלד, פרעגט מיך דער דאָזיגער שוחט וואָס האָט דאָס אונז פאַרציילט וואָס איז? האָב איך געזאָגט מן הסתם גייען זיי געבען אַ הכשר אין איינעם, האָט ער געזאָגט אז זיי קומען שוין טאַקע ארויס כדי צו געבען אַ הכשר צוזאַמען אויף די שחיטה.

דערווייל האָבען די שוחטים מיך געפרעגט צו איך האָב נישט געוואוסט, ווייל דער מענעדזער אַ שוחט ר' ... האָט זיי נעכטען גערופען און געבעטען דאָס זיי זאָלן צוגרייטן שיינע חלפים, אָבער

מיר האָט ער גאָרנישט געהאַט אָנגעזאָגט. בקיצור, דער רב ... האָט אַלעס באַטראַכט און עס האָט אים זייער געפעלען די שחיטה, די גלגלים האָבען זיך שיין געדרייט, אויף אַלעם האָבען זיי אַ סאך געקוקט, אָבער ביי די שחיטה אַליין איז ער געווען נאָר עטליכע מינוט און עס האָט איהם אלעס געפאָלען, חלפים האָט ער נישט געוואָלט קוקען ביי די שחיטה כמנהג פון רב ... (ערשטער בעל המכשיר).

דער בעל הבית פון פלענט האָט געמאַכט אַ מיטינג מיט די צוויי רבנים, אזוי ווי מען האט דעמאלטס פאבריצירט אַ נייע מאשין פארען שוחט וואס די עופות זאלען פארען אליין אין דער שוחט וועט שחט'ן פארענדיגערהייט. אויך האָט מען געמוזט האָבען אַ צעטיל דאָס מען מעג שחט'ן 1200 אַ שעה, ווייל ווען אונזערע שוחטים, זענען געווען 6 שוחטים זענען די או״יו שוחטים געווען 12 שוחטים, דאס הייסט די ליין איז געגאנגען 3600 בערך אַ שעה, און ביי די או״יו שוחטים האט מען געשחט'ן בערך 600 אַ שעה, מען קען זיך פארשטעלען וואָס אונזערע פאָר גלאַטע שוחטים האָבען געטוהן משלים צו זיין 3600 אַ שעה, מען האָט געמוזט שחט'ן אויף טויט און לעבעדיג. בקיצור, דער בעל הבית, האָט באַקומען אַ גוטען אפעטיט, אז 5-6 קענען משלים זיין 12 וואָס דאַרף ער צאָלען עקסטער $400 פאַר די יוניאן פאַר יעדען שוחט וואָס דאָס מיינט $2400 בחינם אַ וואָך סך הכל בערך $120.000 אַ יאָר, ע״כ האט ער פארלאנגט אַ צעטיל פון די צוויי בעלי מכשירים מען זאָל איהם צושטעלען אַ צעטיל וויפיהל מען מעג שחט'ן אַ שעה אויף זייער אחריות, און מען האט דערפאר באצאלט אַ פעטע מטבע כדת משה וישראל, די טייפיסטען האָבען באַלד אפגעקלאפט אַ נוסח, און די 2 רבנים האָבען דאָס אונטערגעשריבען מיט זייער לעדער העט מיט שיינע חתימות דאָס מען מעג שחט'ן 1200 אַ שעה דורך איין שוחט, ״ויאכלו ענוים וישבעו״.

"הרצים יצאו דחופים", דער קצב בעל הבית איז באַלד געלאָפען צו די יוניאן אַז ער האָט 6 שוחטים איבעריג ווייל ער האָט אַ הכשר פון צוויי גרויסע רבנים אז ער קען שחט'ן 1200 אַ שעה און ער דאַרף נישט צאָלן אומזיסט פאַר קאַליקע שוחטים, ביז 2 וואָכען נאָך די געשיכטע האבען שוין געפעלט 4-5 שוחטים ווייל די או יו שוחטים האט געדויערט צייט ביז זיי זענען געוואָרען חסידים פון די רבנים מכשירים צו קענען שחט'ן 1200 אַ שעה, די או יו שוחטים האָבען געשאָלטען טאָג און נאַכט די רע-בנים וואָס זיי האָבען מתיר געווען אזא שנעלע שחיטה, דערצו נאָך מיט אַ צעטיל מיט חתימות, און די או יו שוחטים זענען באין ברירה געוואָרען געזינטע שקלאַפען, ווייל אונזער שחיטה האָט נאָר געשחט'ן איין טאָג אין וואָך און זיי האָבען געאַרבעט פאַר די או יו 5 טעג אַ וואָך. מען קען זיך פאָרשטעלען וויפיל נבילות וטריפות עס איז ארויסגעקומען ר"ל, און אלץ אויפן סמך פון 2 חסידישע מפורסמדיגע רבנים.

## — לב —

## איין שוחט רודפט דעם צווייטען פאַרן זיין צו ערליך — לאַכט פאַרן איבערלאָזען הגרמות — לאָזט נישט מאַכען גוט די בדיקת חוץ — לערענט עם אויס זיין אַ קל

ביי די שחיטה ... קא. וואו דער שו"ב ... שחט בין איך געשטאַנען לעבען דעם שו"ב האברך ר' ... כדי צו קוקען ווי ער שחט ער איז נאך דעמאָלטס געווען אַ נייער שוחט, ער פלעגט אַ סאך קוקען אויף אַ חלף בין שחיטה לשחיטה עס האט זיך איהם אלץ געדאכט אז דאס איז אַ פגימה, זיין אייגענער קרוב ... אויך אַ שוחט דאָרט האָט זיך באַקלאָגט אַ שאָד וואָס ער האָט איהם אויסגעלערענט שחט'ן, ווייל ער ווערט משוגע פון אזוי פיהל קוקען אויף אַ חלף, ער פלעגט שרייען

מאַך דיר אָפּ דיין מיין יאָ אָדער נישט, איינמאָל בשעת שחיטה ווען ער האָט געהאַלטען אין מיטן שחט'ן איז געקומען צו לויפן דער בעל הבית ... מיט אַ צינג אין די האנט, און זאָגט איהם נאך איינמאָל אז דו ווערסט צו גיין צו די שחיטה וועל איך דיך האַרגענען, ער האָט געשחט'ן ארויף לצד הגוף מער כדי עס זאל נישט זיין קיין הגרמה, און די צינג האט אַ פרייז פון 7$ איין פונט, און אויב ער שחט ארויפצו לצד הגוף קומט צו צו די צינג נאָך אַ פונט פלייש, ווייל די צונג וועגט מער מיט אַ פונט און אויב ער שחט מער לצד הראש איז די צונג אַ קלענערע, און עס וועגט ווייניגער, יעצט אויב ער שעכט מער לצד הגוף האָט דער בעל הבית שאָדען ביי 500 פונט פלייש, דאָס איז דאָך אַ גרויסער סכום, איך האָב געמיינט אז ער גייט איהם ממש הארגענען. נאָך דעם ווען דער קצב איז ארויס פון שחיטה שטיבעל האָט זיך זיין קרוב ר' ... צושריגען אויף אים מיט קולות נמרצות אז השו"ב ר' ... האָט דאָס אויך נישט געקענט דולדן ער פלעגט אלץ זאָגען לאָז איהם שוין מנוחה, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען ווייל ר' ... איז זייער אַ געראַגטער, אָדער פשוט ער האָט געוואָלט ארויסהאקען פון איהם דאָס פרומקייט.

אַ כלל די צייטען האָבען זיך געטוישט ביז פון דעם דאָזיגען נייעם שוחט וואָס איז געוועזן אַ מאָל אַ יראת שמים איז געוואָרען אַ קל ביי די שחיטה פונקט ווי זיין קרוב, איך דענק נאָך ווי ער פלעגט אויפשרייבען אויפן טאָוועל פאר בדיקת חוץ אפשר 10 זאַכען, און זיין קרוב ר' האָט געשריגען די משוגענער, האָסטו נאָך געזהען איין שוחט אויפשרייבען אזוי פיהל זאַכען, די מיינסט יעדער ריר דאַרף מען אויפשרייבען, עס האַלט דיר אין איין דאַכטען אפשר איז דאָ אויך דאָ אַ ריר נאָך אַ ריר שרייב אויף די גאנצע לינג איז פיהל מיט רירען, ביז ביז ער האט איהם גוט אויסגעלערענט ווי מתיר זיין טריפות.

## — לג —

## שוחטים וואָס לאזען איבער פיהל מאל סירכות אלס גלאַט — אַ שוחט לייקענט אָפּ ווען מען איז איהם מעורר — איין שוחט איז יאָ מודה

איך פלעג האבען שימוש אויף בדיקות ביי די גלאַטע שחיטה פון ... קא. געווענטליך ווען די בהמות זענען געווען גלאַט בין איך נישט אריין אין די בהמה (בדיקת פנים), טאָמער איז עס אָבער נישט געווען פאַר אונזערע נאָר פאר די מאָדערנע שחיטה, די פרייע שוחטים, פלעג איך יאָ אריינגיין אין די בהמה, אַ סאך מאָל ביי אונזערע האָב איך אויך געקענט אריין גיין. עס איז געווען עטליכע מאָל וואָס איך האָב בודק געווען נאָך ר׳ ... און איך האָב איינמאָל געטראָפען אַ סירכה, האב איך דאס נאך געלאזט מיט שומן כדי מען זאל טרעפען די סירכה אין דרויסען, און איך זאָג איהם איר האָט מיר אוודאי איבער געלאָזט אַ סירכה אויף די מתפצלת, האָט ער מיר געענטפערט רעדסט נאַרישקייטען איך האָב גאָרנישט איבערגעלאָזט, זאָג איך איהם איך האָב נאָך געלאָזט מיט שומן זאָגט ער דו ווייזט נישט וואָס דו רעדסט. האָב איך אים געזאָגט אז איך האָב מסתם געמאכט אַ טעות, איך האָב איהם פשוט געחאַפּט ביי די מעשה, אָבער איך האָב מיך נישט געטאָרט שטעלען מיט איהם טענה׳ן, און איך האב מיר מער נישט וויסענדיג געמאכט. האב איך מיך געשטעלט פון דער ווייט און איך זעה ווי ער שיילט די סירכה וואס איך האב נאך געלאזט. איך האב איהם מער נישט געפרעגט. אויך ביים שוחט ר׳ ... האב איך אַ סאך מאל געחאפט, איך האב אויך געמיינט דאס ער האט עס בכוונה מיר איבעגעלאזט מיר צו פארהערען, דערווייל האט ער מיר יאָ מודה געווען אז ער האט פשוט פארזעהן די סירכה.

## — לד —

## פלאָמבעס וואלגערען זיך הפקר אין די צענדליקע טויזענטער — יעדער גוי כו׳ קען נעמען און לייגען אויף נו״ט

ווען איך בין געווען שחט׳ן פאר דעם שלאַכט הויז פאַר די שחיטה פון ..., דאָס איז געווען בערך 5 יאָר נאָכדעם ווי דער בעל הבית פון די היימישע שחיטה איז פון דאָרט אַ וועק, האָב איך דאָרט געטראָפען אַ סקיד מיט 50.000 פלאָמבעס פון די פריערדיגע שחיטה, איך האָב דאָס געקענט אפקויפען און אפילו בחינם צו נעמען, עס איז זיי פשוט געשטאַנען אין וועג. זיי האָבען געקענט ארויף לייגען די פלאָמבעס אפילו אויף נבילות, ווייל עס איז געווען ממש הפקר, און יעדער גוי האָט געקענט נעמען וויפיהל ער האָט געוואָלט.

## — לה —

## היימישע רב וויל נישט קויפען פאר זיין סטאר פון שוחטים אהן בערד — קלים וריקים לאזען וואקסען אַ בארד צו מעגען שחט׳ן פאר יענעם רבס סטאר

איך בין געווען איינמאל שחט׳ן ביי די שחיטה פון ... (אביסל אַ מאָדערנע שחיטה, ווייל עס האט זיי געפעלט אַ שוחט, איז דעמאלט אנגעקומען אהין אַ רב פון דעטרויט, האט ער מיך געפרעגט וואס איך זאג צו די שחיטה, צו זי איז גוט. האב איך איהם געענטפערט אז די שחיטה איז זייער ווייט פון צו זיין גוט צוליב די שוואכע שוחטים וכו׳. האט ער מיר געפרעגט אַ עצה אזוי ווי זיין מארקעט האלסיילער אין דעטרויעט, נעמט פון דא עופות מיט זיין הכשר וואס פאר אַ תירוץ זאל ער איהם זאגען אז ער וויל נישט נעמען די דאָזיגע עופות. האָב

איך איהם געגעבען אַ עצה זאג זיי אז די שוחטים האבען נישט קיין בערד ווילסטו נישט נעמען פון די עופות! ער גייט ארויף צום בעל הבית און זאגט איהם דעם פעלער, זאגט איהם דער בעל הבית אויב דאס איז דער גאנצער פראבלעם וועל איך דיר געבען בערד. בקיצור, ער האט געלאזט רופען די שוחטים און זיי געזאגט אז זיי מוזען האבען בערד, די שוחטים האבען אנגעפאנגען צו שרייען בשום אופן נישט. איינער האט געזאגט איך בין עלטער פון מיין ווייב מיט 10 יאָר (מיין ווייב וועט נישט וועלען וואוינען מיט מיר מיט אַ גרויסע באָרד וכו׳). אַ אנדערער האָט געזאָגט אז זיין ווייב וועט אַ וועק לויפן פון איהם וכו׳. האט זיך אנגערופען צו זיי דער בעל הבית, איך האָב אַ ביזנעס שחיטה און די רבנים און סוחרים פאַרלאַנגען שוחטים מיט בערד, האב איך נישט קיין ברירה אויב איר ווילט זיך לאזען וואקסען בערד איז הרי טוב, קענט איר וויטער קומען זונטאג שחט׳ן, און אויב נישט בלייבט אינדערהיים, און איך וועל ברענגען היפיס מיט בערד און איך וועל זיי מאכען פאר שוחטים. די שוחטים האבען געזעהן דאס דער בעל הבית מיינט דאס גאנץ ערענסט. בקיצור, די שוחטים האבען פארשטאנען דעם ווינק און זיי האבען זיך זייט דעמאלטס געלאזט וואקסען בערד, זיי אליין פלעגען דאס רופען בעזעמער, זיי פלעגען זאגען יעצט זענען מיר כשר׳ע שוחטים מיר האבען שוין לאנגע בעזעמער, אבער וואס טוט מען נישט פאר פרנסה?

## — לו —

## שוחטים רייסען סירכות און פארטיג

איך פלעג גיין אין ... צו אַ בהמות שחיטה פון קעלבער — לעמער, מיט מיין קרוב השו״ב ר׳ ... דאָרט איז אַ שטאַט פלאַץ און איך האָב מיך געקענט לערנען קליפת הסירכות, אין דערהיים איז ער געווען ראש השוחטים. בקיצור, ער האט זייער שיין געמאכט די קליפת הסירכות, אָבער דעם אַנדערען שו״ב ר׳ ... איז געווען ממש אַ פחד צוצוקוקען ווי ער פלעגט געבען אַ רייס און פערטיג, איך האָב

געפרעגט מיין קרוב ... צו ער קוקט אַ מאָל ווי ער מאַכט, האָט ער מיר געענטפערט דאָס זיי קענען דאָך בכלל נישט אַראָפּגענומען קיין סירכה זיי רייסען נאָר. אויך האָב איך געזעהן דעם שו"ב ר' ... ער האָט גוט קולף געווען אַ סירכה, אויך איז דאָרט געווען נאָך 2 שוחטים זייער ערליכע מיט זייער שיינע חלפים, מיר האָבען זיך גוט געשעמט קעגען זיי. אהיים פאָרענדיג פון דאָרט איז שוין געווען 4-5 שוחטים ווייל די קאָר איז געקומען מיט אַ פאר שוחטים פון אַן אנדער שחיטה, האָט זיך מיין קרוב באַרימט אויף מיר פאר די שוחטים אז ער האָט ארויס געגעבען אגוטען תלמיד וואָס איז מחכים את רבו, און איך פאַק איין אלע שוחטים סיי מיט חלפים און סיי מיט בדיקות, און איך קען די מלאכה ווי אַ זקן ורגיל, האָט זיך אנגערופען איין שוחט ר' ... וואָס? חאַפּ נישט דאָס איז דאָך גאָר מיין תלמיד, ער האָט ביי מיר לאַנג געלערענט, און דער אנדערער האָט זיך אנגערופען ניין ער איז מיין תלמיד. בקיצור, איך האָב געמאַכט אַ פשרה "מכל מלמדי השכלתי" וכו'. און עס איז שלום געוואָרען. דאָס איז געווען איינס פון מיינע פאַטענטען זיי צו קענען חאַפּען אין זייערע עוולות, יעדען איינעם האָב איך געזאָגט אז איך קען נישט און אז איך האַלט ביי די אלף, אפילו איך האָב למעשה גוט געקענט, ביז איך האָב פון זיי אלע סודות אַרויסבאַקומען, זיי האָבען געמיינט אז איך בין אַ תמים און איך קען נאָך נישט, האָבען זיי זיך נישט געהיט'ן פון מיר ביי די שחיטה ובדיקה, איך האָב אויף דעם אויפ'ן רואיגערהייט געקענט צוזען אלע זייערע קלקולים, ווי זיי שחט'ן שנעל, אין מפרקת, מיט פגום'דיגע מעסערס, נישט בודק זייענדיג אָפט און געהעריג די חלפים, רייסען סירכות, און נאָך פיהל זאַכען. ליידער איז געווען ערליכע שוחטים מומחים, וואָס האָבען צוליב פרנסה און בושה געמוזט שחט'ן שנעל כו'.

## — לז —

## שוחטים שחטן ווינטער אין די גרעסטע פרעסט (אהן הייצונג) — אַ סאך שוחטים שחטן אהן הרגשה פיהל יארן, קצב צווינגט שחט'ן מיט פיבער און לינגען אצינדונג אין שרעקליכע קעלט

איך פלעג שחט'ן ביי די עופות שחיטה פון ר' ... איין טאָג אַ וואָך, אויך פלעגט שחט'ן דאָרט דער שוחט ר' ... איין טאָג אין וואָך, און השו"ב הזקן ר' ... פלעגט שחט'ן 3 טעג אַ וואָך. איך פלעג אויך שחט'ן דאָרט אויפן פלאַץ פון דעם שוחט ר' ... ווען ער האָט נישט געקענט גיין שחט'ן. דאָרט איז געווען אָפען דער פלאַץ וואו מען שֶחט אז ווינטער איז דאָרט געווען ביטער קאַלט, אויך איז געשטאַנען דער טראָק לעבען די טיר און מען האָט אַריין געברענגט די עופות דורך די טיר, אז עס ציהט אַ געפערלעכער קעלט.

ויהי היום איך האַלט אין מיט'ן שחט'ן, מען פלעגט אָנפאַנגען שחט'ן אַרום 7.30 - 8 אזייגער אינדערפרי און 9.15 איז דאָ ברעיק טיים (פאַזע) אויף 15 מינוט. בערך 11 אַ זייגער האָב איך גערופען דעם קצב ר' ... און איך ווייז אים אז די פיס איז מיר געפרוירען און איך האָב פארלאָרען די הרגשה, די פיס האָט מיר געשטאָכען פון קעלט, האָט זיך דער קצב ר' ... גערעגט, ער האָט שוין שוחטים 10 יאָר בערך און עס איז ביי איהם דאָס ערשטע מאָל וואָס ער הערט אז אַ שוחט פאלירט די הרגשה. האָב איך איהם געזאָגט וואָס זאָל איך טוהן ? אז איך האָב נישט קיין הרגשה טאָר איך נישט שחט'ן. בקיצור, איך בין אריין אין שטוב זיך אפרוהען, נאך מיטאָג בין איך געגאנגען ווייטער שחט'ן, איך האָב געשחט'ן ביז 2.30 און ווייטער פאַרלוירען די הרגשה עס איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל צווישן די שוחטים פון

דעם נייעם נוסח, מען פאַרלירט די הרגשה, רופט זיך אהן דער קצב, יאָ אַ וודאי, ער האָט געוואָלט אָנוואַרפען אַ שרעק אויף אַלע שוחטים למען ישמעו ויראו, קיינער זאָל מיר נישט דערוואַגען נאָך צוטוהן, האָט דער קצב געשריגען איינער איז פויל צו ארבעטען פאַלירט ער די הרגשה.

אָבער, השו״ב החשוב ר׳ ... האָט מיר געזאָגט אז איך זאל נישט ארבעטען נאָר ביז 2.30 נאָכמיטאָג ווייל דער קצב ר׳ ... איז אַ גרויסער אויסנוצער ער קען נאָך בעטען מען זאָל ארבעטען 12 שעה, עס איז נישט דאָ ביי איהם קיין גבול. אז איך וועל אים יעצט נאָכגעבען וועט ער מיר שוין אַלע מאָל טאַנצען אויפן קאָפּ, אזוי ווי ער טוט פאַר זיי און זיי מוזען ליידען און שווייגען, און טוהן ווי אַ גוט קינד אַלעס וואָס ער הייסט.

אַ וואָך שפעטער רופט מיך אָן דער קצב ר׳ ... איך זאָל קומען שחט׳ן, געוויינטלעך האָט מען דאָרט געצאָלט 50-60$ אַ טאָג. האָב איך איהם געזאָגט אז איך וויל נישט גיין, עס איז פאַר מיר צו שווער, איך דאַרף עס נישט, און ער זאָל זיך בעסער נעמען אַ צווייטען צו שחט׳ן, און אויב איר טרעפט נישט קיין אנדערען וויל איך נישט ווייניגער ווי 90$ אַ טאָג, און איך וועל שחט׳ן ווייניגער שעות, און זיך אָפּריען וויפיל מאָל איך וועל פילן אַז איך מוז, ער איז געווען זייער אַ שווערער צאָלער, אפילו 60$ האָט ער נישט געוואָלט צאָלען, האָב איך איהם געזאָגט, וועגען דעם זאָג איך אייך 90 ווייל איך וויל אז איר זאָלט נעמען אַ צווייטען. בקיצור, ער האָט מיר צו געזאָגט 90$ און איך בין געפאָרען. איך קום אָן אהין, טרעף איך השו״ב הזקן (הנ״ל) ר׳ ... דעם שוחט חולה רח״ל מיט אַ שווערען לינגען צינדונג און מיט הויך פיבער, און ער זאָגט מיר דאָס דער רשע דער קצב ר׳ ... האָט אים געהייסען שחט׳ן אזוי קראַנקערהייט 10 שעה, האָב איך איהם געזאָגט איר טאָרט נישט אַ היים פאָהרן, נאָר גייט גראָד אין שפיטאָל אריין עס איז אַ סכנה צו וואַרטען. בקיצור, ער האָט מיך געפאָלגט און אריין אין שפיטאָל ער איז

געלעגען דאַכט זיך מיר 2 וואָכען אין שפיטאל, און 2 וואָכען נאָכער אין דערהיים. און אזוי פלעגט דער קצב טוהן כסדר צווינגען צו ארבעטען אהן הרגשה קראַנקערהייט ביז מען איז צאַמגעפאַלען רח״ל, און אַלעס מיט אַ היימישען הכשר למהדרין מן המהדרין רח״ל.

## — לח —

## אין ... אַ לאנגע צייט שחט׳ן אַלע שוחטים אהן אַ מקוה — עס איז געווען אַ מקוה נאָר מען איז פויל געווען צו גיין

איך האָב געבעטען דעם דאָזיגען קצב ר׳ ... אז איך וויל גיין אין מקוה פאַר די שחיטה האָט ער געזאָגט וואָס פאַר אַ מקוה דאַרף דאָס אַ שוחט, זיינע שוחטים גייען קיינמאָל נישט אין מקוה, האָב איך איהם געוויזען אין שמלה חדשה אז מען דאַרף גיין אין מקוה פאַר די שחיטה. ענטפערט ער מיר דאָס דער שוחט ר׳ ... (הזקן החולה הנ״ל) שחט שוין 12 יאָר אָן אַ מקוה, קיינער האָט ביז יעצט נישט געדאַרפט קיין מקוה, און ער הויבט אהן מיט מיר ליצנות צו מאַכען, אפשר האָט דאָס צוטאהן מיט די הרגשה, וועגען דעם פאַרליר איך די הרגשה אזוי שנעל ווייל איך גיי אלץ אין מקוה. שפעטער בין איך געוואָר געוואָרען אז עס איז יא דא אַ מקוה נאר ער איז פויל געווען צו פאָרען מיט די שוחטים אין מקוה, און די שוחטים האָבען דאָס אפילו שוין מער נישט פארלאנגט.

## — לט —

## באַוואוסטע שחיטה צוויי היימישע שוחטים שחט׳ן 3000 אַ שעה רח״ל (נו״ט)

פאר דעם קצב הידוע... האָט מען געשחט׳ן עופות און... השו״ב ר׳ ... מיט השוחט ר׳ ... אין ... האבען געשאחט׳ן אויף אַ פארעדיגע טשעיין 3000 אַ שעה, 1500 איין שוחט רח״ל.

## — מ —

## אַ שוחט שחט גאַנצע נאכט (10 שעה), גראָד נאָכדעם געפאָרען שחט'ן ווייטער ערגעץ אנדערש — אַ שוחט אַ גנב

איך פלעג גיין נעמען שימוש אין סויט 4 (אין וויליאַמסבורג), מוצש"ק פלעגט שחט'ן דער אלעמען באַקאַנטער שוחט ר' ... פון 9 ביינאכט ביז 7-6 אינדערפרי, איך בין דארט געוועץ בערך ביז 2 ביינאכט האב איך איהם געפרעגט ווי האט ער כח אַ גאנצע נאכט צו שחט'ן אין איין צי, האט ער מיר געענטפערט ממונו של אדם מעמידו על רגליו, אז מען פארדינט געלט באַקומט מען כח און מען פילט נישט קיין שוואַכקייט איך פלעג שטיין מיט איהם אין מיט'ן די וואָך פון 2 פארטאג'ס ביז 6 פרי, באַלד נאָך דעם איז ער געפאָרען גראָד פון דאָרט אויף קאנארסי מיט 2 באָסעס בערך 1 שעה אָדער מער, און דאָרט האָט ער געשחט'ן דערהאַרגעטערהייט טוירקיס מיט עופות בערך אַ 200 און פון איבעראל האָט ער בשתיקה זיך אהיים געגנב'ט סחורה טוירקיס וכו', האָב איך איהם געפרעגט דער בעל הבית לאזט דיך?, האט ער מיר געענטפערט אז ער האט געזאגט פארן בעל הבית אַז טוירקיס קען מען שחט'ן גראד און מען קען שחט'ן שיעף, אויב מען שחט שיעף איז דא פעדערען, און עס וועט איהם ווערען אַ סך טריפות, טאמער שחט ער אנדערשט וועט ער נישט האבען קיין טריפות. דער בעל הבית האט פארשטאנען דעם ווינק, (אז דער שוחט מיינט אז ער דארף עופות) והכל על מקומו יבא בשלום, און ער האט געגנב'ט וויפיהל ער האט נאר געקענט שלעפען, אהן וויסען פון בעל הבית.

## — מא —

# אַ שוחט שחט בלי הפסק אין אַ פאר שלאכט הייזער מידערהייט — אַ שוחט פארברענגט כסדר, מיט פאליטיק און דברים בטלים

אונז פלעגען מיר צו פאָרען אויף שחיטה צו ... מיטוואך פארטאָגס 3:30 פון די סאטמאר מקוה, איך פלעג קומען דער ערשטער פון אלע שוחטים. אַ חוץ השוחט ר׳ ... ער פלעגט שטיין אונטערען טוש (מקלחת) און זייפען זיך 15 מינוט, עס איז מיר אלץ געווען אַ פלא, (איך האָב נישט פארשטאנען וואָס שטייט ער אזוי לאנג אונטערען טוש), ביז איך בין געקומען צו אַן המצאה מן הסתם ארבעט ער אַ גאנצע נאכט, און ער וויל נישט אויסזעהן מיד, וואַשט ער זיך אזוי לאַנג. נאָך חקירות ודרישות בין איך געוואויר געוואָרען אז ער ארבעט אין סויט 4 ביז פאר 3 ביינאכט, און אַ קאר ברענגט איהם אין מקוה פון דאָרט, און פון מקוה האָט ער אין די זעלבע נאַכט געדארפט פאָרען 2.5 שעה און שחט׳ן אין ... אַ ריזיגע שחיטה פון 1000 אַ שעה און אפשר מער. אַ גאנצען וועג האָט מען גערעדט פאָליטיק, דעם גאנצען פאָרווערטס האָט ער געקענט אויסווייניג, און ער פלעגט זיך מישען און מבינות זאָגען אין יעדען פאליטיק, וואס אַ נאָרמאלער מענטש האָט נאָר פאַרשטאַנען פלעגט ער זאָגען פונקט פאַרקערט, בקיצור ער האָט דעם עולם אויפגעהאלטען אויפן וועג מען זאָל נישט איינשלאָפען, און עס זאָל אונז נישט נמאס ווערען זיצענדיג אזוי לאנג. און נאך דעם האט ער געארבעט לעבעדיג, מען איז אהיים געקומען אויף וומס״ב פון הארדפוט בערך מיטוואך 6-7 פארנאכט איז ער גראד געגאנגען צו אונגארס סטאר כשר מאכען עופות דאס איז דאָך נישט מעגליך בדרך הטבע נאָר אויב ער איז ממש אַ מלאך און מען טרויט זיך נאָך צו באַרעדן אלס מאכילי טריפות ונבילות אויף אזעלכע שוחטים מלאכים רח״ל.

## — מב —

## קצב פון שלאכט הויז פארקויפט טריפות פאר כשר — מישט אריין כסדר טריפות צווישן כשרע — שוחט ווערט ארויסגעווארפען פאר'ן שטערן מאכיל טריפות זיין דעם קצב

החסיד המפורסם ר' ... שו"ב הי"ו האָט מיר דערציילט אז מיט 20 יאָר צוריק איז ער געוועזן משגיח אין סויט 4 אין וויליאמסבורג, ער פלעגט בלאמבירען די זעק מיט עופות, און פאר ער פלעגט בלאמבירען האט ער אלץ אריינגעקוקט וואס איז דא אינעווייניג, ווייל ער האט חושד געוועזן דעם בעל הבית אויף אלעס אויף דער וועלט, איינמאָל פרעגט איהם דער בעל הבית וואס האסטו מורא?, האט ער איהם געענטפערט, איך האב מורא דו וועסט אריין לייגען אַ געפייגערטע קעץ, דער בעל הבית איז געוועזן נחשד צו צו גנב'נען פונעם שוחט אַ טריפה עוף און אריינווארפען אין זאק אריין, איינמאל ווען דער שוחט ר' ... האט געשחט'ן און געהאַט טריפות איז דאָס פלוצלינג נעלם געווארען, ער פלעגט מאכען אַ סימן אפצושניידען אַ פינגער פון די פיס. בקיצור, ואיננו, די טויטע עוף איז נעלם געווארען, מען האט שוין געוואוסט אז דער בעל הבית חאפט די טריפות מיט אַ תירוץ אז ער דארף דאס פאר אַ גוי. אַ סאך מאָל האָט פאַסירט דאָס עס פלעגט אַ דורך פאָרען אַ קאַר און אריינוואַרפען ביי די טיהר 2-3 עופות וואָס האָבען נישט געהאַט קיין בלאָמבעס, האבען דאס די סוחרים צוריק געשיקט, און דער משגיח ר' ... האָט נישט מער געלאָזט בלאָמבירען ווייל דאָס איז בשר שנתעלם מן העין. בקיצור, דער בעל הבית האט פון איהם נישט אויסגעהאלטען. האָט ער באַשלאָסען דאָס ער וועט ווערען אַ יוניאן שוחט, אבער די יוניאן האט געוואלט מען זאל אריינגעבען 5 אלפים צו ווערען אַ יוניאן שוחט. יעצט אז דער בעל הבית געזעהן דאס ער מאכט איהם צרות מיט די השגחה, האט

דער בעל הבית געפרעגט ר׳ ... צו ער וויל ווערען אַ שוחט, האָט ער איהם געזאגט פארוואס נישט? דער בעל הבית האט אנגערופען די שוחטים יוניאן דאס ער מוז שוין אין די מינוט האבען אַ שוחט, האט הרב ... געענטפערט דאס ער האט נישט קיין שוחט, האט איהם דער בעל הבית פון מארקעט געזאגט, איך האב ביי מיר אַ שוחט ר׳ ... קען איך איהם נוצען, בקיצור, האָט הרב ... פון די די שוחטים יוניאן מסכים געווען, דער ביז יעצטיגער משגיח ר׳ ... איז געוואָרען אַ שוחט, די שמחה האָט אָבער נישט צו לאַנג געדויערט וויל אלץ שוחט האט ער נאך מער צרות אנגעטוהן. ויהי היום און דער נייער משגיח שוחט ר׳ ... האָט געמאַכט טריפות און אָפגעשניטען אַ פינגער אַלס סימן, און די עופות זענען נעלם געווארען, האָט ער געפרעגט דעם בעל הבית ווי איז די טריפענע טשיקען? האָט דער בעל הבית געענטפערט עס איז אין גארביטש! איז דער שו״ב געגאנגען און איבערגעדרייט אַ גרויסען גאַרביטש פאַס און מיט אַ גאַרביטש שעפ לעפעל איבער געמישט דעם גאנצען גאַרביטש און ואיננו די טריפה איז נישט דאָ. בקיצור, ער זאָגט גאָרנישט, נאָר נאָך די שחיטה ווען אַן אנדערער שוחט האָט איהם אויף געטוישט, האט ער גענומען די גאַנצע ליסט פון אלע בוטשערס און האָט אנגערופען אלע בוטשערס אז אויב זיי וועלען טרעפען אַן עוף אָן אַ פינגער זאָל מען וויסען דאָס עס איז טריפה. בקיצור, איין בוטשער לעבען פאָפער בית המדרש האָט דאָס געטראָפען, דער שו״ב האָט געבעטען די בוטשערס זיי זאָלען נישט זאָגען אז ער האָט זיי געזאָגט דעם סוד, אָבער דער בוטשער האָט יאָ אויסגעזאָגט דאָס דער שו״ב ר׳ ... האָט איהם דאָס געזאָגט, און דער בעל הבית איז אויפגערעגט געוואָרען אויף דעם שו״ב און האָט איהם משלח געווען, און גענומען אַ צווייטען שוחט וואָס האָט איינגערוהט ווי אַ גוט קינד.

## — מג —

## גוים פון שלאַכט הויז הענגען אויף אויפען טשעין לעבעדיגע עופות צווישן געשחטענע — דער משגיח קען גארנישט טוהן — אַ שוחט איז מעיד אז ערליכע אידען גרויסע מדקדקים עסן כסדר נבילות רח״ל

אין הארטפורט ווילאמענטיג איז געגאנגען די ליין 3600 אַ שעה די גויים זענען געווען גרויסע רשעים, אויב דער שוחט האט גענאסען, געקוקט אַ חלף, וכו׳, פלעגען זיי אויפהענגען דירעקט אַ לעבעדיגע טשיקען אן אום געשחטענע, דער משגיח פלעגט קומען אלץ צו לויפען מיט אַ טשיקען פונעם וויסירעיטינג רום און געזעהן אז די טשיקען איז בכלל נישט גערירט געווארען דער האלז אָן אַ שניט, איז איז ער געקומען צו לויפען ווייזען פאר די שוחטים אז ער האט געכאפט אמת׳דיגע גלאט נישט גערירטע טשיקען, מען האט געשטעלט אַ משגיח קוקען צו די קעפ זענען אפגעשניטען אבער דער משגיח האט עס אויך נישט אלס געחאפט און עס פלעגט נאָך אלס דורך גיין לעבעדיגע עופות. דער שו״ב האָט געזאָגט אויף דעם אַרויף אז הרה״ח ר׳ ... קען זיצען ביי זיין טיש מיט 20 אורחים און 50 אייניקלעך אויסגעצויגען מיט די פיס און זינגען כל מקדש אויף אַ געהעריגע נבילה רח״ל.

## — מד —

## עדות פון מרן זיע״א אויף קבלה פאר אַ שוחט

דער רבי זי״ע להבל״ח האט מיר געהייסען לערנען שחיטות, ביז אַ פאר חדשים האב איך געהאט קבלות פון אַ 10 שוחטים בערך, בין איך געגאנגען נעמען קבלה ביים שאראמאשער רב שליט״א, האט ער

מיר געזאגט אז אינדערהיים האט ער געטיילט 60 קבלות אבער ער האט מורא צו געבען פאר מיר קבלה, ווייל לערנען זעט ער אז איך קען, אָבער יר״ש קען ער נישט וויסען, האָב איך איהם געזאגט אז דער רבי האט מיר געהייסען לערנען שחיטה און ער זאל פרעגען דעם רבי׳ן. ער האט טאקע געפרעגט דעם רבין זי״ע און ער האָט אים געהייסען געבען קבלה.

## — מה —

## אַ מארקעט וואָס זאלצט נישט און ער טונקט נאָר איין די עופות אין זאַלץ און דאָס הייסט כשר געמאכט ר״ל

השו״ב ר׳ ... נ״י האָט מיר דערציילט אז אין ניו דזערסי איין מארקעט פלעגט מען בכלל נישט זאלצען, נאר זיי האבען געהאט אַ טאפ מיט זאלץ וואסער און מען האט איינגעטונקען דעם עוף אין די זאלץ וואסער, און עס איז געווארען כשר געמאכט טאמער איינער האט געוואלט מער געזאלצען האט מען דאס געלאזט מער אין טאפ ווייקען, ויאכלו ענוים וישבעו.

## — מו —

## אַ היימישער שוחט וואס שחט אלע יארן בקביעות נאר מיט פגימות רח״ל — שחט אין מפרקת — שחט אינמיטן כשר מאכען מיט אַ זאלציגען מעסער — רבנים ווילען נישט נעמען עופות פון אַ שוחט ווייל דער חלף טויג נישט.

איך פלעג גיין אַ סאך מאל שחט׳ן אויף ...., דארט פלעגט שחט׳ן די באַוואוסטע צוויי שוחטים ר׳ ... און ר׳ ...., ביי דעם שוחט ר׳ ... האָב איך כמעט קיינמאָל נישט געזעהן קיין שיינעם חליף, ער האָט כמעט

אלץ געהאט פגימות, ווייל ער פלעגט שחט'ן אין מפרקת. ער פלעגט אויך זאַלצען אין מיט'ן שחט'ן ווען עס איז געווען אַ סך עופות כשר צומאַכען, און עס איז אַלץ אריינגעפאַלען אין זיין חליף האַלטער זאַלץ פון פאפיר, (וואס קען פוגם זיין דעם חלף). דער דאָזיגער שוחט האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין ישוב הדעת בודק צו זיין דעם חליף.

ביים צווייטן שוחט ר' ... פלעג איך יאָ זעהן כסדר גוטע שיינע חלפים, ער האט קיינמאָל נישט געוואָלט קיין סאַך ארבעטען און בפרט כשר מאכען עופות פאר ביזנעס, עס איז ידוע דאָס צוויי פון די היימישע רבנים רב ... מיט הרב ... פלעגען שחטן עופות ביים ערשטן שוחט ר' ... אָבער אז ער האָט נישט געהאַט קיין גוט'ן חליף האָט דער רב גענומען 6 עופות און אוועק געגעבען פאַר זיין גוי און אויב דער חליף איז יאָ גוט געווען האָט ער גענומען 60-70 עופות. אָבער הרב ... אז דער חליף איז נישט גוט געווען פלעגט ער גאָרנישט נעמען, אָבער חאָטש זיי האָבען אליין געזען ווי נישט גוט איז די חלפים, פונדעסטוועגען דאָך זענענזיי ווייטער געגאַנגען צו אים שחט'ן, ווייל ער הייסט אַ שיינער איד, זיי האָבען אָבער מדקדק געווען צו נעמען גוטע חלפים, און די אנדערע אידן האָבען זיך פאַרלאָזט צו נעמען פלייש פון דעם דאָזיגען שוחט וויבאַלד אַ זעלכע צוויי רבנים נוצען פון זיין שחיטה.

— מז —

## שוחטים שחט'ן מיט אַ דרסה — אַ פערזענליכקייט איז מעורר דעם שוחט און ער טוהט ווייטער זיינס

עס איז ידוע דאָס השוחט ר' ... שחט נאָר מיט איין הובאה און האַקט אַראָפּ כמעט דעם גאַנצען קאָפּ, ווייטער דער שוחט ר' ... שחט

מיט איין דרסה. איך האָב געזעהן אַ בריף ביי הרב הבעל המכשיר ר׳ ... וואו ער שרייבט איהם זייער שאַרף וועגן דעם, אויך האָט ער עם געשריבען וועגן פעדערען, ער האָט איהם געענטפערט אַ גאַנצען בריף אַ תשובה! פיהל מיט שטותים, און ער האָט ווייטער געטאָן דאָס זעלבע.

## — מח —

## אַ באַוואוסטער שוחט זאָגט אַז ער ווייזט קיינמאָל נישט דעם חלף פאַר אַ רב — ער רעדט ניבול פה אויפן חשבון פון רבנים

השו״ב ר׳ ... האָט געזאַגט אז ער ווייזט קיינמאָל נישט פאַר קיין רב דעם חליף מיט וואָס ער שחט נאָר אַן אנדערען חליף מיט וואָס ער שחט נישט מיט׳ן תירוץ דאָס די רבנים האָבען מורא צו זעהן אזא שאַרפען חליף, ער פלעגט צו זאָגען אַ ניבול פה רעדן שרעקליכע ניבול פה אויפ׳ן חשבון פון די רבנים.

## — מט —

## שחיטה אין ... — עדות פון אַ שוחט אז אן אלטער שוחט שחט דארט 100 בהמות אין איין שעה (דאָס מיינט נבילות) — ער שחט מיט ציטערדיגע הענט — נאך אַ שוחט דארט איז זיך מודה אויף 100 בהמות אַ שעה רח״ל.

מיינס אַ נאָנטער קרוב פון ... האָט מיר געזאָגט אויפן טלפון אז איך זאָל זאָגען פאר הצדיק דער רבי ... שליט״א דאָס ער זאָל נישט נוצען פון ... שחיטה, ווייל ער האָט פגימות אין זיין חליף, אויך האט ער געשחט׳ן 100 בהמות אַ שעה, און ער האָט געזען אז די האַנט

ציטערט אים, זאָגט מיר מיין קרוב מיילא איך שחט 100 אַ שעה בין איך דאָך יונגער ער איז דאָך אָבער אלט 72 יאר. בין איך געוואויר געוואָרען דאס ביי די גלאַטע ... — ... שחיטה אין ... האָט מען געשחט׳ן 100 בהמות אַ שעה דורך איין שוחט.

## — נ —

## אַ שוחט שחט מיט אַ זעג חלף פיהל מיט פגימות 1200 אַ שעה — קען נישט שטעלען קיין חלף — אַ שוחט אַ גנב — 2 משגיחים און עס העלפט נישט — דער בעה״ב איז ברויגז אויפן משגיח

איך האָב געשחט׳ן פאר די שחיטה פון אַ באַקאַנטע קהילה ... 2 טעג אַ וואָך יעדען טאָג 2 שעה ס״ה איז געווען 2 טויזענט עופות בערך.

דאָרט איז געווען 2 יוניאָן שוחטים איינער האָט געשחט׳ן אויף די ליין 1200 עופות אַ שעה, ער האָט געשטעלט אַ חלף אויף אַ קאבאראנדיום שטיין, און האָט געהאַט גרויסע פגימות. איך האָב אים געזאָגט ווי צו שטעלען אַ חלף אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, דער שייגעץ פלעגט גאנבענען טוירקיס, און טוהן רח״ל הארבע עבירות.

ראביי ... פון די או יו האָט מיך געבעטען איך זאָל האַלטען זיינע פלאָמבעס און געבען ביים פלענט וויפיל עס פעלט אויס, ווייל ער האָט נישט געגלייבט דעם שוחט, האָב איך גענומען, איך האָב באַקומען אַ שכר דערפאַר עטליכע דאָלער, איך האָב אים אלץ געגעבען אַ פינקטליכען באַריכט.

ווען איך האָב געזעהן אז דער שוחט שחט מיט פגימות, האָב איך געהאַט אַ מיטינג מיט'ן דאָזיגן ראביי ... פון די או יו, ער איז געווען אַן אונגערישער רב אַ ת"ח, איך האָב איהם אלעס דערציילט, און איך האָב איהם עזאָגט אז טאָמער ער מיינט אז איך בין אַ פרומער און איך בין מגזם, דעמאָלט'ס זאָל ער נעמען זיינעם אַ שוחט פון די או יו ער זאָל זיך איבערציייגען דעם ריינעם אמת, ווייל אזוי צו לאָזען איז דאָך זייער ביטער, מען טאָר דאָך עם נישט לאָזען מאכיל טריפות זיין, האָט ער מיר געענטפערט דאָס ער האָט נישט קיין שוחט, האָב איך איהם באַלד געזאָגט איך וועל אייך פאַרשאַפען אַ שוחט, האָב איך פאַרשאַפט השו"ב החשוב ר' ... עה"ש (וואָס ער איז אוועק צווישן די 5 שוחטים ביים באַוואוסטען עקסידענט פון די עמפייער שוחטים ל"ע) און ער איז ארויס געקומען 6-5 וואָכען. ער האָט אויך פראָבירט אויסלערנען דעם ערשטען שוחט, עס האָט אויך אָבער גאָרנישט געהאָלפען, איך האָב איהם (להבל"ח) געבעטען ער זאָל שוין אָנרופען די או יו, אָבער ער האָט רחמנות געהאַט אויף דעם שוחט האָב איך איהם (להבל"ח) געזאָגט דאָס דער גאַנצער אחריות ליגט מהיום והלאה נישט אויף די או יו נאָר אויף איהם, ווייל איהם האָט מען געשיקט פעסטשטעלען צו ער איז אַ מאכיל טריפות אָדער נישט. בקיצור, ער האָט איינגעזען אז ער איז טאַקע מחוייב, נאָך 5 וואכען האָט די או יו דעם פלאַץ אפגעשפאַרט ווייל עס איז נישט געווען איינגעשטעלט מיט'ן סיסטעם צו שחט'ן מיט ערליכע שוחטים שטייט כו'. דער בעל הבית האָט מיך געוואָלט האַרגענען, ער האָט מיך געשאָלטען מיט מיסע קללות אז איך האָב אים אָפגעשפאַרט דעם פלענט.

## — נא —

## אין אַן אנדערע שלַאכט הויז כמעט יעדער שוחט שחט פון 1200 אַ שעה ביז 1800 אַ שעה רח״ל. — דער בעה״ב פאַסט אויף די ארבעט פון די שוחטים מיט אַ מאווי טעלעווישען (בעל השור על שורו) — השוחט לאָזט דורך נבילה

אין אַ גרויסע טשיקען פאָלטרי האָבען געשחט'ן עטלעכע שוחטים, ר' ... 1200 אַ שעה, ר' ... 850 אַ שעה, ר' ... 1200, ר' ... 600 בערך. איינמאל האָט געפעלט אַ שוחט און דער שוחט ר' ... האָט געמוזט אנפילען די ליין, ער האָט נישט באַקוקט דעם חלף און האָט געשחט'ן 1800 אין איין צי אין איין שעה בערך, ר' ... האָט געהאַט ווייניגער טריפות ווייל ער האָט געשחט'ן 1200, דער שוחט השו״ב ר' ... האָט געהאַט אַ סאך טריפות און ער איז אלץ ברוגז געווען אויף ר' ... פאַרוואָס ער האָט נישט קיין טריפות, און דער בעל הבית קוקט אויף איהם אראָפּ פאַרוואָס ער פסקענט אָפּ אזויפיל פאַר טריפות. איינמאָל האָט ר' ... דער שוחט געשריגען אז ר' ... האָט געשחט'ן אַ פייגער ער זאָל לויפען אראָפּנעמען דעם פייגער פון די ליין, יענער שוחט וואָלט דאָס אזוי דורכגעלאָזט, ער האָט גאָרנישט געהאַט באַמערקט.

דער דאָרטיקער בעל הבית האָט מיך זייער געוואָלט האבען פאר אַ שוחט אפילו ער האט געזעהן אז איך שחט שטאט בערך 500 אַ שעה, און אין מיטען פון די שחיטה פון ס״ה איין שעה בין איך אלץ געגאנגען זיך אפוואשען די ברילען פון די שטויב, און אלע האבען געשטוינט אז איך האב נישט רחמנות אז די ליין גייט ליידיג, אבער דער בעל הבית איז געווען אַ גרויסער מבין אויף די שוחטים בעסער ווי די שוחטים אליינס ווייל ער האָט

געהאַט אונטען אַ טעלעוויזען און האָט אַלעס געזעהן וואָס יעדער טוט, און ער האָט גוט פאַרשטאַנען די עבודה פון יעדען צו ער קוקט אַ חלף צו נישט, ווי שנעל ער שחט ווען ער ארבעט. איך האָב בא איהם געהאַט גרויס פראָטעקציע (ווייל ער האָט געדאַרפט אַ שוחט,) איך האָב דעמאָלטס גע׳פויעל׳ט צו נוצען דעם טעלעפאָן דירעקט ליין. איינמאָל זעט מיך דאָרט ביים טלפון דער בעל הבית און זאָגט מיר קוק אופן טעלעוויזען, און איך זעה ווי די שוחטים שחט׳ן, זעה איך אַ היימישען שוחט אַ גרויסער חסיד ווי ער שחט 200 עופות און באַקוקט נישט דעם חלף, און דער בעל הבית אַ פושע ישראל זאָגט מיר זעהסט ער טוט נישט גוט וואָס ער קוקט נישט ביים חליף, ווייל טאָמער עס קומט אַ רב פון ניו יאָרק קען ער מיר אסר׳ן דעם גאַנצען פלענט, דאָס איז געווען סתם דברי חנופה כדי מיר אריינצוחאַפען, אז ער זוכט אַלעס זאָל זיין כשר. אָבער איך האָב באַמערקט דעמאָלטס אין זיין טעלעווישן נאָך אַ זאַך וואָס ער האָט נישט געזעהן אז דער שוחט באַקוקט נישט קיין איין סימן און דאָס איז נבילה, רח״ל. עס זעהט אויס אז דער מין טעלעוויזען איז נישט געאסערט געווארען פון די רבנים ווייל זיי האָבען דאָס נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, ווייל זיי קומען זעלטען אין פלענט נאָקוקען די שחיטה אויף וואָס זיי געבען אַ הכשר, און זיי ווייסען אַ וודאי אויך נישט פון דעם דאָזיגען פאַטענט וואָס דאָס איז אַ ריכטיגער איסור פון בעל השור על שורו. (עי׳ בספרי שו״ת זבחו זבחי צדק).

## — נב —

## נסיונות ביי שחיטה — גוים שטייען אויפ'ן קאָפ און מען מוז שחט'ן אפילו דער חלף איז נישט גרייט — שוחט מיט ווייניג חלפים

איך בין געפאָרען אויף אוהיאָ שחט'ן עופות מיט אַ שו"ב הרה"ח ר' ... ער איז אַ שיינער בעל תפילה, אַ שוחט ביי די ... קהילה. מיר זענען אנגעקומען אין האָטעל בערך 12 ביינאַכט, און 6 דאַרף מען שוין אויפשטיין דאווענען פאַר מען פאָרט צו די שחיטה. די ערשטע זאַך ווען מען קומט אָן פון אַ וועג ביי אַן ערליכען שוחט איז צו באַקוקען די חלפים, אפשר איז דאָס ח"ו קאַליע געוואָרען פאָרענדיג, שאָקלענדיג, ב"ה מיינע חלפים זענען געווען 4 פון 6 גוט, און 2 זענען קאַליע געוואָרען, ביי אים איז קיין איין חלף נישט גוט געווען, ער האָט זיך גענומען פאַרעכטען זינע חלפים אָבער עס גייט נישט, ער האָט פראָבירט נאָך אַ מאָל אפשר זעהט ער נישט גוט, ווייל צו אַ חליף טאָר מען נישט זיין נערוועז, און מען דאַרף זיין אויסגערוהעט, און קיין איינס פון די 2 האָט ער נישט געהאַט, האָב איך אים געזאָגט דאָס איך וועל איהם געבען מיינע חלפים צו שחט'ן, ער האָט נישט געוואָלט וויסען דערפון, ווייל אין מיט'ן די שחיטה שטעלט יעדער אביסעל צו דעם חלף, און מה דאָך אז זיינס איז איהם שווער צו שטעלען וועט ער דאָך מיינס וואָס ער איז נישט געוואוינט דערמיט אַוודאי נישט קענען. עס איז געוואָרען 12:45 און עס גייט נישט, האָב איך עם געבעטען זיינע חלפים און איך וועל עס שטעלען, ער האָט לכתחילה נישט מסכים געווען, אָבער איך האָב איהם צו געזאָגט אז איך האָף בעזר השי"ת אז מיר וועט דאָס געלונגען. איך האָב מתפלל געווען צו השי"ת, און ביז 1.30 בין איך געווען פערטיג מיט זיינע חלפים. ער איז געווען

אזוי בשמחה אין לשער, ווייל צופרי ווען מען קומט אָן צו אַ שחיטה און הונדערטער גוים וואַרטען און מען האָט נישט קיין געשטעלטען חליף, איז דער נסיון אזוי גרויס אז מען שחט ל״ע מיט וואָס מען האָט. וועגען דעם טעם האָב איך אלץ מיט גענומען 6 חלפים, יעדער האָט אַלץ געמאַכט ליצנות פון מיר, דאָס איך נעם מיט אזוי פיל חלפים, אָבער נישט איינמאָל קומט פאָר דאָס מען קומט אָן צו אַ שחיטה און מען געט אַ קוק דאָס די חלפים טויגן נישט, און מען מוז אנפאַנגען שטעלען דאָרט נאָך אַ מאָל די חלפים, און ווער האָט נערוועז צו שטעלען ווען יעדע מינוט איז טייער, און נישט אלע מאָל געלינגט דער חלף וכו׳ וכו׳.

ע״כ איז די איינציגע עצה געוועזן צו ברענגען אַ סאך חלפים, און אפילו ווען עס ווערט קאַליע עטליכע בלייבט נאָך מיט וואָס צו גיין צו די שחיטה. און ליידער די אלע שוחטים וואָס האָבען נישט געברענגט גענוג גוטע חלפים, פלעגען טאַקע האָבען גרויסע נסיונות און ליידער זייער אַ סך מאָל געשחט׳ן מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, מען האָט נישט געדאַרפט ציטערן דאָס אַ צווייטער שוחט וועט זעהן ווייל מען פלעגט מערסטענס נישט קוקען יענעמ׳ס חלף, און ווען יאָ איז עס געווען שמור לי ואשמור לך ר״ל, און דער רב אָדער משגיח וכו׳ איז דאָך אויך נישט געקומען כמעט קיינמאָל נאָך קוקען די שחיטה.

## — נג —

## אַ שחיטה נאָך יוכ"פ אויסגעמוטשעטערהייט — מענעדזער צווינגט אפילו אלטע שוחטים שחט'ן זייער שנעל, און אויך מידערהייט — רב המכשיר ווייס גאָרנישט וואָס טוט זיך.

ווי עס איז באקאנט ביי די גרויסע שחיטה פלעצער שפילט אַ גרויסע ראלע יעדער טאָג שחיטה, צו עס איז 30.000 עופות אַ טאג צו נאָר 10.000 אַ טאָג. בפרט ביי די ימים טובים איז דאָך פלייש די גרעסטע ביזנעס, ממש דאָפעלט ווי געוועגליך, ע"כ מוז מען אויסנוצען דעם מוצאי יוה"כ צו פארען באַלד נאכען זמן צו די שחיטה ווייל צופרי מוז מען באַלד שחט'ן, כדי צו קענען אָניאָגען צו שחט'ן גענוג אויף יו"ט (סוכות). די זעלבע איז אויך מוצאי ר"ה פאָרט מען באַלד ארויס. נאָך פאַר ר"ה פאַנגען זיך שוין אָן די פלענער ווען מען וועט פאָרען און ווען מען וועט אנפאַנגען צו שחט'ן כו'.

דער שו"ב מענעדזער האָט אונז פאָרגעשלאָגען און געזאָגט זיין פשוט'ן פלאַן מען וועט ארויס פאָרן מוצאי יוה"כ און מען וועט אָנקומען 6 פרי און אין 7 וועט מען אנפאַנגען צו שחט'ן, האָב איך איהם באַלד געזאגט בלא מיט אַ גרויסע אל"ף, ווייל נאָכ'ן פאָרן אַ גאַנצע נאַכט מוז מען זיך אָפרוהען, און אז איך וועל נישט זיין אויסגערוהט וועל איך אַ וודאי נישט שחט'ן.

איך האָב איהם געגעבען אַן עצה אַז פונקט אזוי ווי דער דאָקטער קען סטאַפען אויף אַ פאר שעה צו שחט'ן אפילו דער בעל הבית באַצאָלט יעדע שעה ווען זיי שטייען, דאָס זעלבע קענען מיר לכתחילה אנפאנגען שחט'ן 12 מיטאָג און יעדער וועט זיך גוט אפרוהען, האָט ער געלאַכט פון מיר, עס קען נישט זיין, און מען טאָר דאָס חלילה נישט טוהן ווייל דעמאָלטס וועט

דער פלענט אונטערגיין, די סחורה מוז פאָרען צו די בוטשערס ! און בפרט פאַר יו״ט. האָב איך איהם געזאָגט איר דאַרפט נישט דאגה׳ן פאַר די פלענטס, אונז מוזען מיד זיין אויסגערוהט נאָך אַ יוה״כ פאַסטען צו מוזען פאָרען אַ גאנצע נאכט און באַלד גיין צו די שחיטה, דער וועג מוטשעט שטאַרק אויס, האָט ער מיר געזאָגט אז ביי עמפייער איז אויך אזוי געווען, האָב איך איהם געזאָגט שוין מיט אַ העכערען טאָן, אז אין עמפייער האָט מען געשחט׳ן טריפות האָט עד זיך אנגענומען פאַר עמפייעד אז עס איז יאָ גוט דאָרט האָב איך אים דעמאָלטס געזאָגט אין פנים אז זיי שחט׳ן 1200 און דאָס איז נבילות וטריפות, ער איז געוואָרען ווייס ווי די וואַנט ער האָט זיך באַלד געמוזט לייגען אויפן בעט ווייל עס איז איהם געווען אזא פאַטש אין פנים, אז דעם דאָזיגען שוחט וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען פריץ און אויך פאַר אַ רב, האָב איך געמאַכט בפניהם פון אלע שוחטים פאד אַ מאכיל טריפות.

עס האָט זיך געצויגען דער ויכוח ביז ער איז ארויף אויפן הויכן טאָן און ער זאָגט דאָס ער וועט מיר ווייזען אז מען וועט דאָ אויך שחט׳ן 1200 אַ שעה איך האָב איהם געזאָגט אז דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין, איך וועל איהם ארויסוואַרפען פון דאָ, איך האָב דאָ מיט גרויס מאטערנישט און פלאָג איינגעפירט אַ כשרע שחיטה, וועל איך נישט צולאָזען מען זאָל דאָס צוברעכען, און מאכיל טריפות זיין, איך האָב צוריק געשריגען צו אים איר זענט דאָ נישט אין עמפייער איר ווילט שחט׳ן טריפות איז עמפייער אָפען פאַד אייך און מען וועט אייך אָנעמען דאָרט גערן, איר האָט דאָרט אַ גוטען קרעדיט. די שוחטים האָבען זיך געפרייט עד אין לשער אז איך האַק אראָפּ דעם קאָפּ פאַר דעם בעל גאוה, אָבער זיי האָבען געוואוסט אז דאָס וועט נישט אזוי גרינג דורך גיין ווייל ער איז אַ נוקם ונוטר. דערנאָך שריי איך צו אים ווייטער, איך זאָג אייך אין פנים פון אלע שוחטים, אז אויב מען וועט נישט שחט׳ן אַ טאָג נאָך יוה״כ אַביסל שפעטער וועט

איר שחט׳ן, נישט איך. עס וועט גיין אויף אייער באַרד. אַ כלל מען איז אָנגעקומען אַ טאָג נאָך יוה״כ 5.30 צופרי און מען האָט זיך גלייך געשטעלט דאַווענען. איך האָב מיך אָבער געלייגט שלאָפען, דער מענעדזער האָט אָבער גע׳טענה׳ט אז איך וועל אַראָפגיין 7 אזייגער צו די שחיטה, האָב איך איהם געזאָגט אז איר מאַכט אַ חשבון אָן דעם בעל הבית איך גיי יעצט שלאָפען, פרעגט ער ביז ווען?, זאָג איך ביז ווען איך וועל זיין אויסגערוהט. דאַווענען האָב איך צייט ביים אויפשטיין, און נאָכדעם שחט׳ן ווייל איך קען נישט שחט׳ן אום געשלאפען, און איך בין טאַקע באַלד געגאַנגען שלאָפען. 8 אַ זייגער קומט צו לויפען דער גוי וואָס האַלט די עופות, און ער שרייט ראַביי און וועקט מיך אויף, איך דריי מיך אויס און שלאָף ווייטער. ענדליך 9 אַ זייגער בין איך אויף געשטאַנען ביז דערווייל האָבן די אלטע שוחטים געשחט׳ן, דער מענעדזער האָט געזעהן אז ער איז אַריינגעפאַלען, דער אַלטער שוחט ר׳ ... איז נעבעך געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אויף די פיס און געשחט׳ן מידערהייט, האָב איך זיי געזאָגט איר האָט אלע געדאַרפט מוחה זיין אזוי ווי איך, עס וואָלט אייך גאָרנישט געשעהן, פאַרוואָס ווען עס קומט אופן חשבון פון אידישקייט ציטערען אלע פאַרן בעל הבית פונעם פלענט, אָבער נישט פאַר׳ן אמת׳דיג׳ן בעל הבית?. איך האָב אבער געטאָן איין בטלנות איך וואָלט אפשר געדאַרפט זאָגען פאר׳ן רב דער בעל המכשיר, אָבער איך בין מיך דן לכף זכות אז איך האָב איהם אהן דעם זייער אַ סאַך פאַרדרייט דעם קאָפ, און איך האָב נישט געוואָלט איבער ציען די מאָס. למעשה האָט מען גע׳שחט׳ן אָן הרגשה מידערהייט איין טאָג נאָך יום סליחה וכפרה, אזא פנים האָבען שוין די בעסטע שוחטים, דער פחד פאַר אַ בשר ודם איז שטאַרקער פון מורא שמים אפילו מען ווערט דעמאָלסט אַ מאכיל טריפות רח״ל.

— נד —

# פיהל שוחטים שחט'ן גאנץ ווינטער אין די גרעסטע פרעסט — קלות פון שוחטים — קארג צו קויפען אַ ווינטער אייוולע — מענעדזער צווינגט שחט'ן אין גרויסע קעלט אהן הרגשה אויף פאר זקנים — דער רב בעל המכשיר אן ערליכער אבער נישט באקאנט צופיהל וואָס עס טוהט זיך דאָרט

עס איז ידוע אז ביי די שחיטות איז ווינטער זייער קאלט, האָב איך געבעטען די שוחטים מיר זאָלען פארלאנגען פונעם בעל הבית לעקטער אייוועלעך. האָבען די שוחטים געזאגט אז עס גייט איהם נישט גוט די ביזנעס און מען קען דאָס נישט פארלאנגען. האָב איך זיי געזאגט אז מיר פארדינען ב״ה 350$ אַ וואָך קענען מיר זיך ערלויבען צו קויפען פון אונזער געלט, יעדער שוחט וועט צאלען זיין חלק. עס פארשטייט זיך אז עס איז נישט געווען מיט וועמען צו גיין צום טיש ווייל אויב עס קאסט געלט איז שוין נישט קאלט. האָב איך זיי געזאָגט, איר זאָלט אַלע וויסען אז אויב עס וועט מיר ווערען קאַלט און איך וועל פילען דאָס איך האָב נישט קיין הרגשה בין איך אויס שוחט. האָט מיר ... דער מענעדזער שוחט (אַ שייגעץ) געזאָגט אז איך טאָר נישט אַ וועק גיין פון ליין ווייל טאָמער איך וועל נישט שחט'ן וועל איך נישט באקומען קיין וועדזשעס פאר דעם טאָג, דאָס הייסט 75$ אַ טאָג וויניגער, האָב איך איהם געזאָגט אז עס פארשטייט זיך אז אויב איר וועט מוזען ארבעטען אַ שטאָט מיר באַקומט איר דאָס געלט, איך דארף נישט קיין געלט וואָס איז נישט כשר, האָט ער מיר געזאָגט דאָס ער האָט אויף מיר רחמנות, היות איך דארף געבען 7 קינדער פרנסה, ממילא קען איך מיר נישט ערלויבען אהיים נעמען אַ קלענערען טשעק,

האָב איך איהם געזאָגט אז נישט דער פלענט גיט מיר פרנסה נאָר השי"ת. טאָר איך נישט שחט'ן אין די קעלט אָהן הרגשה וואָס איז קעגן רצון ה', אָבער אז איך וועל יאָ טאהן זיין רצון אפילו איך זאָל נישט ארבעטען דא וועל איך בעזר השי"ת אויך האָבען פרנסה. זאגט ער אז עס איז גרינג צו רעדען, אבער פרנסה איז זייער שווער, האָב איך איהם געזאגט אז איך בין אַ מאמין באמונה שלימה אז השי"ת גיט (בלויז אין אמעריקא) פאר 200 מיליאָן גוים צו עסען וועט ער להבדיל מיר זיכער געבען פרנסה, דאָרט וואו איך מיין דאָס ערליך נאָר צו טוהן וואָס שטייט אין די תורה.

ויהי היום די פרעסט האָט געברענגט דער שניי איז געווען הויך 20 אינטשעס און עס ווערט מיר קאלט, און איך זאג די שוחטים איך בין אויס שוחט, עס אינטערעסירט מיך גארנישט, איך קען נישט ארבעטען אין די קעלט, און איך קום נישט צוריק. פאַר די שוחטים איז געווען אייז קאַלט, אָבער צוליב געלט האָבען זיי יאָ געשחט'ן, און זיי האָבן נישט געגלייבט אז איך וועל טוהען אזוי ווי איך זאָג, וואָס הייסט איך וועל נישט קומען, אזוינס איז נאָך אין די געשיכטע נישט געווען צו טוהן קעגן רצון פון קצב בעל הבית אין אַ כשר'ע אמעריקאנער שלאַכט הויז. עס ווערט אַ טומעל דער שוחט ר' ... שטייט שוין אין די קעלט 1.5 שעה עס רייסט איהם שטיקער און איך קום איהם נישט טוישען, ער ר' ... שטייט אויך, ביז דער אַנדערער שוחט ר' ... איז געקומען צו אַן החלטה דאָס ער איז נישט קיין משוגענער, און ער גייט אַ וועק און לאָזט דעם אַנדערען שוחט אַליין שחט'ן, די גוים פאנגען אן צו שרייען זיי ווילען אויך ענדיגען זיי איז אויך קאַלט, מען לויפט מיך רופען און איך וויל נישט גיין, דער מענעדזער שוחט ר' ... האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אין מיר און ער איז נישט געגאַנגען שחט'ן אלס פאַרטרעטער. דער בעל הבית רופט אָן פון ניו יאָרק וואָס עס טוט זיך? האָט דער מענעדזער מיך גוט פאַרמאַסערט, ער לאָזט מיך רופען צום טעלעפאָן, אָבער איך זאָג איהם מיינס, ער זעט איך בין אַן עקשן רופט ער אָן דעם רב דער בעל

המכשיר, און דער רב רופט מיך און פרעגט מיך וואָס דאָ גייט פאָר, האָב איך געזאָגט פאַרן רב די גאנצע מעשה, דאָס איך האָב געבעטען מען זאָל שטעלען אַ ווערעם אייוועלע איך האָב נישט קיין הרגשה און איך טאָר נישט שחט'ן, אויב דער רב וויל איך זאָל שחט'ן אפילו איך האָב נישט קיין הרגשה איז אַ צווייטע זאך.

❖

דער רב האט אַ טראכט געטאן און געזאגט, אז ח"ו אויב איך פיהל אז איך האב נישט קיין הרגשה, טאר איך נישט שחט'ן, און איך האב נישט געוואלט גיין מער שחט'ן. דער בעל הבית האט שאדען געהאט יענעם טאג אוצרות געלט, עופות זענען געפייגערט פון קעלט, (זיי האָבען זעט אויס אויך פאַרלוירען זייער הרגשה, נאָר די אַלטע שוחטים האָבען הרגשה אין די גרעסטע פרעסט, ה' ירחם) ער האָט נישט געקענט אריין שיקען זיין טראָק עס איז געווען צרות עד לב השמים, עס איז נישט געווען משיג צו זיין, די שוחטים האָבען שוין געציטערט, דער פלענט וועט אונטערגיין, און זיי וועלען בלייבען אָן פרנסה, דער מענעדזער רופט אָן מען זאל זיך צוזאמען פאקען די פעקלעך, די שחיטה איז אויס שחיטה, מען שחט נישט מער ער וועט גיין אַרבעטן פאַר די או יו דאָרט וועט ער קיין צרות נישט האָבען, די שוחטים זענען געווען אבלים וחפויי ראש, וואָס פאר אַ צרות איך קען אלץ נישט אפטוהן. האב איך זיי געזאגט איך האב אייך אלעס פאראויס געזאגט, און פאר אַ פאר דאלער קען מען אלעס באקומען, מיר האבען דאס אליין ערליך פארדינט. בקיצור, אלע שוחטים פאקען זיך איין די פעקלעך. די פעקלעך זענען שוין געווען אויפן סטיישען וואגען אנגעלאדענט. אלע שוחטים האבען זיך שוין געזעגענט פון פלענט, אזוי ווי ווען מען מופט ארויס פון אַ הויז, פלוצלינג קומט אַ טלפון פון בעל הבית אז מען זאל נישט אוועק פארען און מיר זאלען בלייבן דארט, מען נעמט גלייך די פעקלעך אראפ , און 15 מינוט

שפעטער רופט אן דער רב צו מען איז געפארען זאָגט מען איהם אז דער בעל הבית האָט גערופען מען זאל בלייבען, און מען האט שוין צוריק אראפגענומען די פעקלעך, האָט זיך דער רב אויפגערעגט, ווער איז דער בעל הבית דער גוי אָדער איך, פארוואס האט מען איהם געפאלגט איך האב געהייסען אַ היים פארען וואלט מען געדארפט פארען. אבער אז מען האט שוין אראפ גענומען די פעקלעך זאל דאס שוין בלייבען אונטען.

דעם מאָרגענדיגען טאג איז שוין געווען סטים אז עס איז געווען אַ מחי׳, אבער די סטים האט געקאסט $350 און דער שאָדען פון נעכטען איז געווען $10.000 ווייל די סוחרים האָבען נישט באקומען די סחורה, און דער בעל הבית האָט מיר דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסען, איך האָב געזאגט פאר׳ן בעל הבית ער זאָל וויסען דאס די אלע שאדענס און פראבלעמען זאל ער פארדאנקען פאר זיין שוחט מענעדזשער ווייל ער האָט אויף מיר צוזאמען גערעט פארן בעל הבית אז ער גייט אַ וועק טאָמער איך קום שחט׳ן נאך איינמאָל. און פארן בעל המכשיר רב האט ער די זעלבע זאך געזאגט, אבער דער רב האט אים געזאגט דאס ווער עס וויל גיין האלט ער נישט צוריק, אבער ער שיקט נישט אַ וועק קיין שום שוחט, אַ חוץ אויב דער שוחט איז נישט קיין ערליכער און איז מאכיל ח״ו נר״ט, ווען נישט די גאַנצע איבערקערינישט וואָלטן די שוחטים נאָך היינט געשחט׳ן דאָרט אָן הרגשה פרירענדיג פון קעלט אָן הייצונג אין מיט׳ן דעם גרעסט׳ן ווינטער.

## — נה —

# היימישע שוחטים אָהן אַ מקוה לאנגע צייט — אַ באוואוסטער שוחט איז בכלל נישט אינטערעסירט אין אַ מקוה

ביי אַ היימישע שחיטה ווען אונז האָבען מיר אנגעפאנגען צו שחט'ן אין ... האבען מיר נישט געהאט קיין מקוה, איך פלעג זיך גיין בלית ברירה טובלן אין קוואל, אבער עס איז געווען ממש "פיקוח נפש", עס איז געווען ווינטער אזוי קאלט אז איך האב געמוזט בסוד זאגען פאַר צוויי שוחטים ר' ... און ר' ... אז טאמער ח"ו איך קום נישט צוריק ביז אַ 3/4 שעה זאלען זיי מיך קומען זוכען אין קוואל, איך האב אינזינען געהאט דעמאלטס אז דאס זאל זיין אַ אויסלייזונג פון די יסורים פון ההצה"ק ר' יחזקאל מערץ זי"ע, וואָס איז געווען דעמאָלטס מסוכן אָבער ליידער האט דאס נישט געהאלפען. בקיצור, נאָכדעם וואָס מיר האָבען שוין געארבעט דאָרט 4 חדשים האָב איך געזאָגט פאר די שוחטים אז ב"ה מיר פארדינען $300 אַ וואך זאָל יעדער צושטייער געבען $50 וועל איך בויען אַ מקוה כשרה, די שוחטים האבען געזאגט, עס איז אַ שאד איינצולייגען געלט, ווייל יעדען טאג קען זיך דער פלאץ אפשפארען, האב איך זיי געזאגט אז אויב די מקוה וועט זיך אפשפארען וועל איך יעדען צוריק געבען דאס געלט, אדער וועל איך בויען אַ מקוה אויף מיין חשבון און איר וועט צאלען מקוה געלט, ווייל פארוואס אין ניו יורק ווען איר גייט אין מקוה צאָלט איר מקוה געלט, און פונקט ווען מען שחט זאל מען נישט גיין אין מקוה. האבען זיי געזאגט אז אויב עס וועט זיין אזא גוטע פיינע און ווארימע מקוה ווי אין שטאט וועלען מיר באצאלען. ווייל מיר האָלטען נישט אז מיר דאַרפן ליידען קעלט, עס איז נישט אזוי וויכטיג צו גיין אין מקוה (רח"ל). אָבער אפילו אויף דעם האָב איך זיי ווייניג געגלייבט, איך האָב סיי ווי געהאלטען ביים בויען די

מקוה, האב איך געוואלט זיי זאלען שפעטער נישט האבען בחנם אַ מקוה נאר זאלען באצאלען, (עס זאָל נישט זיין חלילה אַ קטרוג דאָס שוחטים גייען נישט אין אַ מקוה נאָר אויב עס איז באַקוועם ווי אַן אָנגהייצטע באָד אָדער פול).

בקיצור, ביז 2 וואכען האב איך געבויט אַ שיינע מקוה מיט אַ בור מי גשמים וכו׳. הרב ... איז געווען און האט געזאגט אז עס איז אַ 100 פראצענט כשרע מקוה אפילו פאר שוחטים. עס איז געווען פיין ווארעם יעדען טאג, עס האט זיך אנדערשט געשחט׳ן. עס איז געקומען צום באצאלען האָבען אלע באצאלט אַ חוץ דער שוחט ר׳ ... ער האט נישט געוואלט באצאלען ער האט געטענה׳ט 2 טענות, עס איז אַ ספק ספיקא ווייל אפשר וועט ער בקרוב אַ וועק גיין, און די צווייטע טענה אפשר וועט דאס פלאץ אויפגעגעבען ווערען און מען וועט מוזען מופען אויף אַ אנדער פלאץ. די מקוה האט געקאסט בערך 350$ דער פלאץ האט שוין געהאַט אנגעהאלטען בערך 15 יאר. פאַרוואָס זאָל זיך דאָס עפעס פונקט יעצט צושפאַרען, חוץ דעם ביז׳ן אַ וועקגיין קען מען דאך באַצאָלען יעדען מאָל וואָס מען ניצט דאָס פונקט ווי יעדע מקוה וואָס יעדעס מאָל ניצען איז אַ עקסטערע חשבון, אַ כלל אלע שוחטים הבָען זיך מיט דעם דאָזיגען שוחט געטשעפעט ווען ער וועט שוין באצאלען די מקוה, יעדער האט איהם מוותר געווען אָבי ער זאָל חאָטש זיך טובל׳ן פאַרן שחט׳ן, (חוץ איין שוחט וואָס האָט נישט מוותר געווען זיין חלק שותפות) — נישט אומזיסט האָט געזאָגט דער בעל-שם-טוב הק׳ ״בזעם תצעד ארץ״. זביחה עירובין מקוואות אויף דעם פארלייגט זיך דער בעל דבר.

— נו —

## אַ היימישער שוחט אַ רשע לאָזט נישט מתקן זיין גראָבע קלקולים — מען שחט און מען זאלצט מיט מעשינען — שוחט פארשפארט משגיח׳ס מויל נישט צו מגלה זיין סודות

ווען עס איז ארויס אַ טומעל אין די גאס אז מען שחט מיט מאשינען און מען זאלצט מיט מעשינען, האָבען די היימישע שלאַכט הייזער געמוזט ווייזען אז מען האָט עפעס געטוהן כדי צו בארואיגען די געמיטער, האט מען ארויסגעשיקט אַ משגיח אַ שיינער איד פון דערהיים, און דעמאלטס איז ער געווען שמש ביים ... רב אין זיין ביהמ״ד, אויך איז ער געווען משגיח אין אַ בוטשער סטאר אויף די ... עוועניו.

ויהי היום און דער משגיח קומט מיט פאַרטאָג מיט די קאר פון די שוחטים און דער שו״ב ... דערציילט אַ מעשה דאָס עס איז אַ מאל געקומען אַ פרישער מתפלל אין אַ ביהמ״ד און האָט אנגעפאנגען איינצוטיילען און זיך אריינמישען אין די הנהלה ענינים און עליות וכו׳ האט זיך דער ראש הקהל אנגערופען (מיט אַ שיינעם ניגון) ״האחד בא לגור וישפוט שפוט״ און (וואָס דער שוחט איז אויך אַ בעל מנגן מפורסם) האָט געזונגען דעם ניגון אַ שעה צייט בערך און זיך דערביי געגאָרגעלט, און ער האָט געהייסען יעדער זאָל איהם נאך זינגען וגם אני בתוכם, לכתחילה האב איך נישט געחאפט וואס ער מיינט ער האט דאך אראפ געלייגט אַ שיינע מעשה, ביז איך האב געזעהן אז דער ניגון געדוירט שוין צו לאנג האב איך געחאפט אז דאס מיינט מען מרמז צו זיין טאַקע פאַר דעם נייעם משגיח וואָס איז געפאָרען מיט אונז, ער זאל זיך האלטען דאס מויל. און עס האט טאקע געהאָלפען, איך האב פון דעם משגיח נישט געהערט קיין איין הויך ווארט, און איך ווייס נישט צו ער קען בכלל הויך רעדען. דער משגיח האט סיי ווי דארט

נישט לאנג מאריך ימים געווען ווייל דער שוחט הנ״ל ר׳ ... האָט געטענה׳ט צום רב (וואָס האָט די השגחה) אז ער טוט דאָך גאָרנישט עס איז אַ שאד אויפן געלט, און דער רב האָט איהם געפאָלגט, ויצא העגל הזה, אז עס איז ארויסגעקומען מורא׳דיגע מכשולות, ווייל דער שוחט הייסט גאָר אַ שיינער אויבענאָן איד מיט השפעה אויף די רבנים מכשירים, און ער איז געווען דער ראש פון די מאכילי טריפות, איינצופירען די אלע מכשולות און רודפ׳ן די ערליכע שוחטים און משגיחים וד״ל.

❖❖❖

## — נז —

## אַ שוחט אַ מאכיל טריפות — מאכט אייגענע מבולבלדיגע שחיטה — פיהרט איין מאסען שחיטה ביים היימישען ציבור פאר 30-35 יאר צוריק — ער האָט אויך פיהל אנדערע חורבנות אנגעמאכט

השוחט הנ״ל איז געווען שוחט אין דערהיים אין די שטאָט 2 טעג אַ וואָך, די איבעריגע צייט פלעגט ער זיך פארשטעלען, ער פלעגט זיצען אין די בארס און אויף אלע מקומות ווי זיינע חברה פלעגען זיצען, ערליכע אידען האבען נישט געגעסען פון זיין שחיטה נאך אינדערהיים, ער פלעגט זיין אַ בן בית ביים ... און אזוי האט ער נאָך דאָרט געשפילט אַ ראלע פון אַ שיינעם איד דאָרט, למעשה איז ער אָבער געווען אַ שייגעץ פאר זיך, אבער דאָ אין אמעריקא איז ער געוואָרען אַ קצב, אין די ערשטע יאָרען האָט ער דאָ געהאַט אַ טשיקען מארקעט וכו׳. ביז ווי לאַנג ער האט נאָך געהאט די שחיטה אין שטאט אין ברוקלין האָבען מענטשען חאָטש געקענט זעהן וואָס עס טוט זיך

דאָרט, (איך האָב געהערט פון פאַרלעסליכע מענטשען אז עס איז געווען דאָרטן גרויסע צרות, די שוחטים האבען געמוזט אַ סאך שחט׳ן און אויך דער שוחט ... איז געווען אַ שוחט ביי איהם ער אָבער אזוי ווי ר׳ ... האָט געזען אז ער מוז האָבען צו אַ סאך שוחטים, האָט ער ארויס געמופט פון וויליאמסבורג און געגאנגען אויף ... און געשחט׳ן דארט אויף אַ ליין, דאָס הייסט די עופות זענען געפארען אויף די מעין ליין, 3000 עופות אַ שעה איז געלאפען די ליין און 2 שוחטים האבען געשחט׳ן, 1500 עופות אַ שעה יעדער איינער, אין די פליגעל פון די עופות האט קיינער נישט אן געהאפט, די עופות האבען זיך געווארפען אין מיטן די שחיטה און דער חלף איז צוקלאפט געווארען נישט איינמאל, אבער קיין פגימה איז אויף דעם פלאץ קיין מאל נישט פאסירט (דאס הייסט זיי האבען קיינמאל נישט טריפה געמאכט מכח אַ פגימה, זיי פלעגן יעדן איינרעדן אַ שקר דאָס זיי האָבען געהאַט אויסגעוועונדליך ס״ד אלס מכח די ברכה פון רבין זי״ע). דאָרט האָבען געשחט׳ן נאָר די דאָזיקע שוחטים ... מער האט קיינער נישט געהאט קיין זכי׳ דארט צו זיין, נאָר דוקא זיי 3 האָט האט ער געלאָזט ווייל זיי האָבען מיטגעהאַלטען מיט אַלע זיינע הפקרות און גאָרנישט אויסגעזאָגט ביז זיי זענען אַלע 3 ביי אים נתקלקל געוואָרען רח״ל. וועגען דעם ווייזט מען נישט מער קיין אינפראמעשין, נאר דאס וואס איך האב געהערט פון צוויי פון זיי וואָס זיי פלעגען מיר געבען לעקציעס ווי אזוי מען קען און מען דארף שחט׳ן, (דאָס האָב איך געהערט פון זיי פאָרענדיג צו די שחיטה פון ... לעבען ...), מיר האבען דעמאלטס געשחט׳ן אין כשר ... פאלטרי, אונטער די השגחה פון ... און ... רב אָבער מיט די אַלע גראָבע בלבולים במזיד איז דער דאָזיגער שוחט מאכיל טריפות געלונגען צו פאַרדעקען אַלעס און בלייבן ביז היינט אַ שיינער איד, ה׳ ישמרנו.

ההמשך יבוא אי״ה בקרוב — תם ולא נשלם בעוה״ר

# צום אויספיר

**א.** דער בעל עקידה שרייבט: "אין חכם כבעל הנסיון" נישטא קיין חכם ווי דער וואס האט די זאך אדורכגעלעבט פראקטיש, דאָס וואָרט איז אמת ויציב און נעמט ארום אלע פאזען פון לעבן יעדער מענטש וואס ליגט און לעבט אין אַ זאַך נישט קיין חילוק אויב דאס איז אַ סופר צו א מלמד, אַ שניידער צו אַ שוסטער, אַ קעכער צו אַ בעקער אויב עס וועט אים איינער וועלען געבן עצות און איינווייזען וויאזוי בעסער צו מאכען וועט ער אים ענטפערן איר זייט גערעכט אין טעאריע אבער נישט אין פראקטיק ווייל איר לעבט נישט אין די זאך.

**ב.** דער נמשל איז שחיטה, בדיקה, ניקור, מליחה, נאר איינער וואס האט דאס מיטגעלעבט קען מעיד זיין פינקטליך וואס דארט גייט פאר און טאמער וועט איר ליינען מעשיות וואס לאזט זיך גארנישט גלייבען אז מענטשען זאלען זיך לאזען אזוי פארפירען פון בעל דבר קענט איר דאס נישט מבטל זיין מיט אַ מאך מיט די האנט "געזאגטע מעשיות" ווייל נאר דער וואס לעבט דערמיט איז באגלייבט עדות צו זאגען אז "גופא דעובדא הכי הוי" (די און די מעשה האט ליידער יא פאסירט).

**ג.** פון צייט צו צייט פירט מען צו מן השמים ברוב רחמי ד' אז טראָץ אלע באווארונגען זאל דאך ארויסקומען אין די עפענטליכע גאס פארשידענע פאסקונדע מעשים פון שוחטים וואס זענען "יהרג ואל יעבור" און אויך שטורמישע מכשולות וועלכע צוטרייסלען דאס גאנצע לאנד אזויווי דער חֵלב קאטאסטראפע א.ד.ג. כדי צו ווייזען פאר די

וועלכע ווילען זעהן אז דער פלייש מצב איז אזוי נידריג, דער יצר הרע איז דארט אזוי שטארק אז וואס מען זאל דערציילען דארף מען גלייבען.

**ד.** טראצדעם וואס יעדער שטיקעל בן תורה וועלכער האט אמאל געעפענט אַ תשובה ספר זעהט וויאזוי אלע דורות האבען געשוויבעלט מיט מכשולות ביי די שחיטה דאך וועלען מיר ציטירען געציילטע ציטאטען פון גאוניםל וצדיקים וועלכע האבען געלעבט אין אמעריקע און עדות געזאגט אויפן מצב, און וויאזוי זיך צו פירען אין היינטיגע צייט.

**ה.** דער סאטמארער רב זצוק״ל שרייבט: (מדריך לכשרות ״דברי יואל״ דף י׳ או׳ ה׳):

## דאס געפאלענקייט פון היינטיגען דור

״היינטיגע צייטען אפילו אין די געציילטע פלעצער ווי עס זענען נאָך פאַרהאַנען אַסאַך וואָס האָרעווען אין תורה מיט יראה, פונדעסטוועגען די וואס ווערן געכאַפּט מיט קלות און מכשולות און נאָך פּראָבלעמען זענען דאָס מערהייט רחמנא ליצלן און פון זיי איז זייער אסאַך״.

(שו״ת דברי יואל יור״ד ל״ד אות ו׳)

## היינטיגע צייט אפילו מיט א גוטע השגחה איז צרות

״מען זעהט בחוש אין אונזער מדינה (אמעריקע) ווי עס איז דא ב״ה משגיחים וואס געבען אכטונג אויפן פלייש פון די שחיטה ביז נאָך פארקויפן פונדעסטוועגן טוען די קצבים (הויל־סעלערס — בוטשערס)

אַלע מיטלען, — אסאך מאל איז מען געוואר געווארן וואָס די קצבים האבען געוואָלט באהאלטענערהייט ארייגרוקן פליישן אויף אַ וועג דער משגיח זאל נישט וויסן דערפון אהָנע קוקן אויף דעם וואָס מענטשען ווערן געשטרויכעלט — אלעס צוליב פאַרדינען אַ פאָר דאלער״.

(שו״ת דברי יואל יור״ד ל״ד סוף אות ו׳)

# בוטשער׳ס תלמידי חכמים און יראי ד׳ זענען נישט באגלייבט אויף פלייש

״טייל מאָל זעהט מען אפילו ביי די בוטשער׳ס וואָס פירן זיך לויט די וועגן פון די תורה און מיט ערליכקייט אין אַלע הינזיכטען אויפן בעסטן שטייגער אבער ווען עס קומט צום פלייש פאַרקויפן וואָס דאָס איז זיין פרנסה איז ער נחשד אַז ער פירט זיך נישט ווי מען דאַרף כ״ש ביי די וואָס זענען קלים אויך מיט אנדערע זאַכן. נאָר וואָס דען אויב עס איז דאָ געהעריגע משגיחים כאַפט מען זיי אבער דאָרט ווי עס איז נישטא קיין הונדערט פראָצענטיגע השגחה כאַפט מען דאָס נישט ווייל דעמאָלטס האָבן די קצבים (בוטשערס) אַ פרייע האַנט צו טאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט און זיי זענען מאכיל נבילות און טריפות רחמנא ליצלן און קיין שום מענטש ווייס נישט דערפון צוליב דעם ווייל אַ משגיח שטייט נישט דאָרט״.

(שו״ת דברי יואל יור״ד ל״ד אות ו׳ בסופו)

״היינטיגע צייטן איז די חוצפה און פריצות אסאך מער ווי אין די צייטן פון רמ״א, אדרבא די עזות פנימער פון דור געוועלטיגן איבער די מקואות און כשרות און צווישן די געציילטע ערליכע אידן טרעפט זיך

נישט ווער עס זאל מיט שטייפקייט באקעמפן דאס אלעס פארן באשעפעריס וועגן, זיי זענען פשוט נישט בכח השי"ת זאל זיך שוין מרחם זיין און איך וויל נישט צופיהל רעדן".

(שו"ת דברי יואל שם)

כדי צו פארשטיין וויאזוי דאס איז אז שוחטים ליגען אונטער שרעקליכען טעראר פון די קצבים זעה וואס עס שרייבט דער דברי יואל (סי' ל"ד או' ד') (מדריך לכשרות "דברי יואל" דף ח' או' ב').

## אנווייזונגען וויאזוי זיך צו פירען

"דער הייליגער זיידע שרייבט אין ספר ייטב פנים (דרשות לשבה"ג אות י"ב) אז מען דארף מאכן אן עקסטער שלאכט־הויז פאר כשר'ס מיט אַ פארלעסליכען מענטש וואס שטייט דארט און גיט אכטונג מיט אפענע אויגן אז אלעס זאל זיין געהעריג אויך דער ניקור (טרייבערן פון חלב) א.ד.ג. און זאלסט נישט פרעגן פארוואס דארף מען טאן אזאך וואס מען האט אמאליגע צייטן נישט געטאן כאטש זיי זענען געווען ערליכע אידן פון היינט, ווייל דארט ליגט דער תירוץ, אמאליגע צייטן זענען אלע געווען ערליכע אפגעהיטענע און ג־טיס פארכטיגע אז מען האט נישט געדארפט מורא האבן אז עפעס זאל פאסירן אפילו אומווילדיג (בשוגג) היינט איז אבער נישט אזוי די מענטשן זעהן אנדערש אויס. און די פלייש געשעפט איז איבערגעגעבן פאר ווער עס וויל, דערפאר דארפן מיר זיך דערווייטערן און נישט עסן אפילו אזא פלייש וואס אונזערע זיידעס האבן יא געגעסן נאר אויב מען מאכט פארשידענע גדרים מיט סיגים צו זיין געזיכערט אז דאס פלייש איז כשר אהנע שום ספק".

(שו"ת דברי יואל יור"ד סי' ל"ד אות ד')

**ו.** דער בילאנץ (סך הכל) פון מיין ערפארונג איז: דער בעל דבר פארליגט זיך אויפן יעדע פונקציע פון שחיטה באזונדער:

**1)** דער שוחט: צוליב זיין פעטען געהאלט ליגט אונטער א שטענדיגן פחד פון קצבישען טעראר סיי ביים שחט'ן שנעל און סיי ביי לאנגע אויסגעמיטשעטע נסיעות ווי מען געט נישט גענוג צייט זיך אויסצורועהן פאר די שחיטה — און אויך דעם טויט שרעק נישט צו מאכען צופיהל טריפות.

**2)** דער משגיח: דער בעל דבר לאזט נישט צו קיין משגיח און כדי צו פארבלענדען די אויגען פון די ערליכע נעמט מען אַן ארבעטער און מען גיט אים אַ נאָמען משגיח (ביי בהמות איז דאָס דער בלאָמבירער — און ביי עופות איז דאס דער וואס קיקט קישקעלעך) לעצטענס האט איין עופות שחיטה איינגעשטעלט אַ השגחה וואס דאס איז פאקטיש נישט מער ווי אַ בודק סכינים.

**3)** דער קצב: צוליב זיינע מיליאנען וועלכע ער זאמעלט זוכט ער צו שניידען פון די הוצאות ווי ווייט מעגליך און אזוי ארום דארפען די שוחטים ובודקים ארבעטען איבער די כוחות ווייל עס ווערט ארויפגעלייגט אויף זיי ארבעט וועלכע דאפעלט אזויפיל ארבעטער וואלטען נארמאלערהייט געדארפט טוהן.

ער שטעלט אריין אַ מענעדזשער וואס זיין אויפגאבע איז צו טרייבען די שוחטים און האלטען אַ אויג ווער עס שעכט צו שטייט אדער ווער עס מאכט צופיהל טריפות, אדער נאך ערגער ווער עס ברענגט אריין א התעוררות צווישען די שוחטים צו שחט'ן מיט מער מתינות און בודק זיין דער חלף מיט מתינות וישוב הדעת אומגעאיילט.

טייערע אידען יראים ושלמים וועלכע שטערבן צו אויפשטעלען אַ אמת׳ע כשר׳ע הויז וויסען זאלט איר אז די נסיונות השחיטה וועלען אנהאלטען ביז דער גואל צדק וועט קומען (ווי דער צדיק האט אויסגעזאגט פאר הגאון הצדיק ר׳ הלל קאלאמייער זצוק״ל) פונדעסטוועגן ליגט דער שליסעל צו געניסען פון כשר׳ע פלייש ביי אייך אין די הענט.

ווייל נאר אין אייער זכות און כח וואס איהר הערט זיך שטענדיג צו צו די מעוררים וועגען פלייש מכשולות און שיידט זיך אפ פון בהמה פליישען און אויך פון די עופות פון גרויסע שחיטות וואס דאס שפירען די פלייש סוחרים און קצבים ביי די קעשענעס דערמאנען זיי אז די וועלט איז נישט הפקר און מען קען נישט טוהן וואס מען וויל און אלס רעזולטאט טרעטן אריין פארשידענע תיקונים ביי די היימישע פלעצער.

פון עולם התיקון איז עס נאך ווייט, אשאד ווען דער עולם זאל מער פארפירען און פארלאנגען וואלט מען געקענט אויפטוהן א וועלט אבער דער בעל דבר פארלייגט זיך און די שרייערס זענען די מקוה זיצערס און דאווענען שמיסערס וועלכע זענען נישט גרייט מוותר צו זיין אויפן פלייש. און די ערליכע אידען שווייגען און זיצען מיט פארלייגטע הענט און זענען יוצא בלויז מיט א קרעכץ געבן.

**מודעה רבה לאוריתא**

**להודיע שאך יצא לאור**

# הספר

# שחיטת ואכילת בשר כהלכתה

**חלק א׳**

- הספר הזה קובץ גדול מספרי ראשונים עד אחרון שבאחרונים תמצית דבריהם בכל הנוגע למעשה בסדר שחיטה — שוחטים ואכילת בשר למהדרין.
- בו ימצאו רבנים שוחטים ונותני קבלה לשוחטים הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון להיות נכון לבם בטוח שלא תצא תקלה מתחת ידם ח״ו.
- בו ימצאו מפקחים ומשגיחים על השחיטה ובדיקת הריאה הדרכה לפקח ולהשגיח שתעשה הכל באופן היותר נעלה על פי ההלכה ועל נתיבת המסורה.
- בו ימצאו כל בני אדם מקטן ועד גדול הדרכה נפלאה האיך להנהיג את ביתם ושלחנם הטהור באופן שיהי׳ להם מזבח כפרה.

**באכילת בשר גלאט כשר — באמת**

אשר רבתה הזנחתה בעונותינו הרבים והוא הנוטל חלק בראש בכל שארי מאכלים ומעדנים המוכנסין לבתי ישראל.

**מחיר הספר: $5.00 דמי משלוח $1.00**

•●•

**להשיג הספר אצל המחבר**

**RABBI S.Y. GROSS**

רב דקהל מגן שאול דהאלמין ור״מ בכולל בית ישעי׳

מכון להוראה בשחיטות ובדיקות

**4711 - 12th Ave., Brooklyn, N.Y. 11219, Tel.: 436-8086**

בעזהי"ת

# ספר
# שחיטת ואכילת בשר כהלכתה
## חלק ב'

● הספר הזה קובץ גדול מספרי ראשונים עד אחרון שבאחרונים תמצית דבריהם בכל הנוגע למעשה בסדר שחיטה — שוחטים ואכילת בשר למהדרין.

● בו ימצאו רבנים שוחטים ונותני קבלה לשוחטים הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון להיות נכון לבם בטוח שלא תצא תקלה מתחת ידם ח"ו.

● בו ימצאו מפקחים ומשגיחים על השחיטה ובדיקת הריאה הדרכה לפקח ולהשגיח שתעשה הכל באופן היותר נעלה על פי ההלכה ועל נתיבת המסורה.

● בו ימצאו כל בני אדם מקטן ועד גדול הדרכה נפלאה האיך להנהיג את ביתם ושלחנם הטהור באופן שיהי' להם מזבח כפרה.

**באכילת בשר גלאט כשר — באמת**

אשר רבתה הזנחתה בעונותינו הרבים והוא הנוטל חלק בראש בכל שארי מאכלים ומעדנים המוכנסין לבתי ישראל.

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע
**חק' שלום יודא גראס**
רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה ובולל „בית ישעי" „מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

עיה"ק ירושלים תובב"א תשמ"ג לפ"ק
• הוצאה שני' •

בעזהי"ת

# ספר
# שחיטת ואכילת בשר כהלכתה
## חלק ב'

● הספר הזה קובץ גדול מספרי ראשונים עד אחרון שבאחרונים תמצית דבריהם בכל הנוגע למעשה בסדר שחיטה – שוחטים ואכילת בשר למהדרין.

● בו ימצאו רבנים שוחטים ונותני קבלה לשוחטים הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון להיות נכון לבם בטוח שלא תצא תקלה מתחת ידם ח"ו.

● בו ימצאו מפקחים ומשגיחים על השחיטה ובדיקת הריאה הדרכה לפקח ולהשגיח שתעשה הכל באופן היותר נעלה על פי ההלכה ועל נתיבת המסורה.

● בו ימצאו כל בני אדם מקטן ועד גדול הדרכה נפלאה האיך להנהיג את ביתם ושלחנם הטהור באופן שיהי' להם מזבח כפרה.

**באכילת בשר גלאט כשר – באמת**

אשר רבתה הזנחתה בעוונותינו הרבים והוא הנוטל חלק בראש בכל שארי מאכלים ומעדנים המוכנסין לבתי ישראל.

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע
**הק' שלום יודא גראס**
רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי" „מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

עיה"ק ירושלים תובב"א תשמ"ג לפ"ק
• הוצאה שני' •

# התוכן


| פרק | | עמוד |
|---|---|---|
| | מעבר לשער | ב |
| | פתח השער | ד |
| | הסכמות | ו |
| | מבוא | ח |
| | פתח דבר | ט |
| | מפתח | יא |
| | הקדמה | יט |
| א | תקנות שונות בשחיטה, פתיחה | לז |
| ב | ענף ב' שנים שוחטים | לט |
| ג | השגחה על השחיטה ובדיקה — העמדת משגיחים | מד |
| ד | גם יר"ש בהול על ממונו | סג |
| ה | כח השובים | ע |
| ו | לא כדורות הראשונים — האחרונים | עג |
| ז | שחיטה במתינות עיוה"כ וכל השנה | פ |
| ח | בעל נפש יחוש לנפשו ונשמתו | צג |
| ט | עונש מאכלות אסורות — שו"ב שאינו הגון — ועונשו | צה |
| י | הוראות השו"ב | צז |
| יא | חומרא בטריפות | צט |
| יב | שיעור בדיקת הסכין בשחיטה | ק |
| יג | מקור לשם חליף | קא |
| יד | השגת גבול לשוחטים | קה |
| טו | עד אחד לפסול השוחט | קו |
| טז | אכל בשר ונמצא טריפה | קח |
| יז | טעה הרב בתקנת שנים שוחטים | קט |
| יח | טעמים לשחיטה ובדיקת הסכין | קט |
| יט | בדיקת הסכין, הרגשה, יר"ש וישוב הדעת לבדיקת סכין | קיד |
| כ | בדיקת הסכין (השמטה מחלק א) | קכב |
| כא | נתינת קבלה — ועוד כמה נחיצות (השמטה מחלק א) | קכה |
| כב | קבלה לשו"ב | קכח |
| כג | לעקוב אחר השו"ב (השמטה מחלק א') | קלב |
| כד | זהירות לשוחטים והאוכלין משחיטתן (השמטה מחלק א) | קמ |
| כה | גודל השכר לנזהרין וכו' (השמטה מחלק א') | קנא |
| כו | מכשולות בשחיטה (השמטה מחלק א) | קנד |
| כז | זהירות יתירה בקטנים ממאכלות אסורות | קנה |

בעזהי"ת

עמ"י • זה השער לה' צדיקים יבואו בו • עש"ו

קונטרס

# "זבחו זבחי צדק"

## שלש תשובות

**בו יבואר ענין התקנה הקדומה המוזכרת בפוסקים**

(והי' נהוג כמעט בכל תפוצות ישראל ל' הד"ח)

**להצריך שני שובי"ם עומדים זה ע"ג זה רואים ומשגיחים שהוכשר כדת וכהלכה מתחלתו ועד סופו (עיין תקנת רע"א בסוף הקונטרס). עם כל המסתעף להלכה ולמעשה**

☆ ★ ☆

הו"ל בתמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל "מגן שאול" האלמין ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי"

ברוקלין ניו יארק

בעהמח"ס: **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות), **מדריך לצניעות, מנחת יהודה, מנוחת שלום** (על חומר איסור "חלב עכו"ם" ו"סימילאק"), **נפש ישעי' על מאכלות אסורות** (ה"ח), **גדולי יהודה** (על הלכות ציצית), **קדושת בנות ישראל** (על הלכות יחוד), **מזוזת שלום** (על הלכות מזוזה) **וש"ס:**

בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס זצ"ל**. נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י, ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.

נדפס פה ברוקלין בשנת תשל"ז

ועתה יוצא לאור בהוצאה חדשה מתוקנת ומוגהת עם מפתח

ע"י תלמידי הישיבה והכולל "בית ישעי"

"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

– ברוקלין יצ"ו • שנת תשל"ח -

**הוצאה שלישית**

**ברוקלין, נ. י. שנת תשד"ם לפ"ק**

הוצאת

**אמונה פאבלישינג**